STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08413

DER MEYLEKH DAVID ALEYN IZ GEBLIBN

Kadia Molodowsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

דער מלך דוד אַליין איז געבליבן

פאַרלאַג „פאַפּירענע בריק"
ניו-יאָרק 1946

דער מלך דוד אַליין איז געבליבן

(לידער און פּאָעמעס)

♦

ONLY KING DAVID REMAINED

(POEMS)

Copyright, 1946
by Kadia Molodowsky

Printed in U. S. A.

♦

שער-בלאַט געצייכנט פון
ש. לערנער.

געזעצט און געסדרט די עמודים
פון שמחה לעוו.
געדרוקט אין גרעניטש פרעס.
166

אל חנון

אל חנון

אל חנון,
קלייב אויס אַן אַנדער פֿאָלק,
דערוויילֿ.
מיר זיינען מיד פֿון שטאַרבן און געשטאָרבן,
מיר האָבן ניט קיין תּפֿילות מער,
קלייב אויס אַן אַנדער פֿאָלק,
דערווייל,
מיר האָבן ניט קיין בלוט מער
אויף צו זיין אַ קרבן.
אַ מדבר איז געוואָרן אונדזער שטוב.
די ערד איז קאַרג פֿאַר אונדז אויף קברים,
נישטאָ קיין קינות מער פֿאַר אונדז,
נישטאָ קיין קלאָג־ליד
אין די אַלטע ספֿרים.

אל חנון,
הייליק אַן אַנדער לאַנד,
אַן אַנדער באַרג.
מיר האָבן אַלע פֿעלדער שוין און יעדן שטיין
מיט אַש, מיט הייליקן באַשאָטן.
מיט זקנים,
און מיט יונגע,
און מיט עופֿהלעך באַצאָלט
פֿאַר יעדן אות פֿון דיינע צען געבאָטן.

אל חנון,
הייב אויף דיין פייערדיקע ברעם,
און זע די פעלקער פון דער וועלט —
גיב זיי די נבואות און די יום־נוראים.
אין יעדן לשון פרעפלט מען דיין וואָרט —
לערן די מעשים זיי,
די וועגן פון נסיון.

אל חנון,
גיב פּראָסטע בגדים אונדז,
פון פאַסטעכער פּאַר שאָף,
פון שמידן ביי דעם האַמער,
פון וועש־וואַשער, פון פעל־שינדער,
און נאָך מער געמיינעס.
און נאָך איין חסד טו צו אונדז:
אל חנון,
נעם צו פון אונדז די שכינה פון גאונות.

1945.

אַ בריוו צו אליהו הנביא

אַלטער בשורה־טרעגער, אליהו,
איך האָב פאַרלאָרן אַלע אַדרעסן,
שרייב איך איצט אַ בריוו צו דיר.
האָסט אַלטע פריינטשאַפט זיכער ניט פאַרגעסן,
ווען כ׳פלעג דיר קינדווייז עפענען די טיר.

ניט איין מאָל דיך געפירט מיט ציטער און מיט תפילה
צום יום־טובדיקן טיש, צום כוס מיט וויין.
עס קען ניט זיין, זאָלסט איצט ניט וועלן אויסהערן
מיין ביטערע מגילה,
עס קען ניט זיין.

כ׳האָב לייכטזיניק פאַרשניטן אַלע דיינע שפּורן
און אויך די ווייטקייט פון מיין הימל,
און אויך די וואַרעמקייט פון גלויבן.
עס שטייען מיינע לידער איצטער נאַקעטע, ווי הורן,
נאָר דיינע מעשהלעך פאַרדעקן זיי ווי טויבן.

צווישן אונדז אַזעלכע פרעמדע תהומען זיינען אויפגעקומען,
איך האָב, זעט אויס, געגראָבן זיי אומזיסט.
איך שווער, איך האָב געוואָלט פאַרזייען זיי מיט בלומען,
ס׳איז ניט מיין שולד, וואָס זיי זיינען פאַרשאָטן איצט מיט מיסט.

איך האָב געוואָלט דערגראָבן זיך צו זיסע קוואַלן,
פאַר זיך קיין טראָפּן ניט גענומען,
ניט איינגעשלאָגן ערגעץ ניט פאַר זיך קיין סלופּ.
דו האָסט איידל אויסגעפּורעמט מיר מיין האַלדז און גומען,
ווי איידל דו פלעגסט טאָן פון כוס אַ זופּ.

דו ביסט דער נביא פון רחמים און נקמה,
דיין פייערדיקער רייטוואָגן די וואָלקנס ברעכט,
דו ווייסט מיין האַרץ, איך האָב געפירט די בראָנע
אויף רייניקן די בייט פאַר גוטסקייט און פאַר רעכט.

איך בין געפאַלן און צעטראָטן,
און יעדער הונט, וואָס לויפט פאַרביי, גיט מיך אַ ביס,
נאָר ס׳קלאַפּט מיין האַרץ, גאַרט ביזן לעצטן אָטעם
צום קוואַל צום אייביקן, וואָס איז נאָך אפשר זיס.

אַן עוולה, וואָס דו קומסט ניט און דו זעצסט זיך ניט אַנידער
ביי סדרים אונדזערע מיט חמצדיקן ווייַן.
מיר זינגען דאָרט אַזעלכע לאַנגווייליקע לידער,
אַז דו אַליין וואָלסט אפשר מציל זיין.

אָפּט ווילט זיך מיר, אַז דו זאָלסט ווידער קומען,
בקפיצת־דרך, אויף זילבערנעם לבנה־גראָז,
וואָלסט ווי אַמאָל מיך ווידער מיטגענומען
אין ליכטיקן מאַרשרוט פאַרזוכן יעדער כוס.

צי ביסטו דאָרט געווען ?
דאָרט . . . דאָרט . . . אונטערן בייזן מויער ?
אין לאַנד פון פיין, אין היים פון בראָך ?
צי איז אויף זייער יום־טובדיקן טרויער
די לאַטע גרעסער ווי אין מיטן וואָך ?

צי האָסטו דאָרט געהערט אַ קינדס געלעכטער ?
אַ קינד מיט בלאָנדע הערעלעך, געשאָרן.
צי האָסטו זייער כוס פאַרזוכט ?
צי זיינען דיינע ליפּן ניט פאַרברענט געוואָרן ?

עס שטיקן זיך אין האַלדז ביי מיר אַזויפיל נעמען . . .
כ׳האָב מורא פרעגן דיך, און זאָג מיר גאַרניט,
אויב ס׳האָט עפּעס זיך געטראָפן . . .
גיב אַ ריר דיינע רחמימדיקע ברעמען,
פאַרלעש מיין לאָמפּ,
און אויב עס איז צו דיר קיין בשורה ניט דערפלויגן,
פאַרלעש מיין לאָמפּ
און מאַך מיר צו די אויגן.

1942.

אין אַ סדר־נאַכט

ס'איז אַ פולע לבנה, ס'איז אַ סדר־נאַכט ביי אונדז.
ביים טיש איז שיטער, כאָטש עס איז געגרייט פאַר צוועלף.
זיי זיינען ניט געקומען. געפאַלן אויפן וועג צו אַ באַהעלטעניש, אַ הייל.
און אפשר האָבן צעריסן זיי די וועלף.

קום, אליהו, זאָל דיך ניט שרעקן, וואָס עס וואַקלט זיך מיין שטול.
איך בין ניט שיכור, ניין. מיין שטול איז אויפגעקלאַפּט
פון שפענדלעך, האָלאָוועשקעס און געוויין.
ער קען ניט אַנדערש זיין, נאָר וואַקלדיק און דול.

די טיר איז אָפן, און איך ווייס: דו ביסט אַריין.
דער אַלטער סימן איז נאָך גילטיק איצטער אויך.
איך זע אין כוס ביי דיר, עס מינערט זיך דער ווייַן,
און איבער אים אַ דינער זילבער־הויך.

נאָר יענע כוסות שטייען אימהדיקע פול,
ס'האָט קיינמאָל שרעקלעכער אַ כוס נאָך ניט געשיינט.
נעם אָן אַן אַנזיכט, און לען אָן זיך אויף דער וואַקלעניש פון שטול,
און פּראַווע אונדז דעם עלנט־סדר היינט.

ס'ווערט ליכטיקער און ליכטיקער דיין טראַכט,
כ'וועל באַלד דערזען דיך אין דער פולער גרויס,
כ'בין צוגעוואוינט פון נאַכט אויף נאַכט
זען שאָטנדיקע אורחים אין מיין הויז.

זיי קומען, ווען די אויגן איך פאַרמאַך,
דאָס האַרץ ווערט אויסגעהוילט און אַנגסטיק שטייף פון וויי,
הייב אויף דיין האַנט אָט איצט אין צייכנדיקער נאַכט,
און זאָג די נבואה אונדז פון זיי.

זיי זײַנען נישט קיין בײנער טרוקענע אין טאָל,
די פײַנען שרײַען אַזוי הויך, די וואונדן פריש.
זאָג די נבואה אונדז פון די,
וואָס זײַנען ניט געקומען היינט צום סדר־טיש.

אויף אויסנווייניק ווייסן מיר דעם שפרוך,
און יאָר נאָך יאָר דער זעלבער „שפוך",
מיר דאַרפן טרייסט — זאָג די נבואה אונדז:
— ס'איז נאַכט,
ס'איז ערב.
מיר דאַרפן טרייסט — זאָג די נבואה אונדז
פון דבר,
שחין,
און חרב.

דער טיש ווערט לאַנג און ברייט,
און אַלע זײַנען דאָ,
געקומען אויפמאָנען דעם צוזאָג,
דעם לאַנגאָנענדיקן נדר.

ווער איז דען לעבעדיק פון אונדז?
מיר צופעליק אַנטרונענע פון טויט . . .
קום, אליהו, ריכט אָפּ מיט אונדז
אַ שותפותדיקן סדר.

1942.

אַ ליד צו מײַן היים

איבער מיין חרובדיקער היים
בליט אייביק נאָך דער ווייסער קאַרשנבוים,
נאָר כ׳הער ניט אין דעם חושכדיקן שווייגן
דעם רויש פון זיינע גרינע צווייגן.

און אויב ס׳איז אָפּגעמעקט?
מיט וואָגלדיקן וועג —
דעם נאָמען האָבן אַוועקגעטראָגן יידן
אין די גוט־באַקאַנטע קלומיקעס, די זעק.

איבער זיי — אונדזערע גוטע שטערן
ברענען ליכטיקע געוויס.
— מיר זיינען ניט שולדיק,
— האָט ניט קיין פאַריבל,
זאָגן שטערן צו די ווייענדיקע פיס.

מיין האַרץ לויפט נאָך נאָך זיי,
אויף דעם וואָגלוועג,
אפשר שלעפּט זיך דאָרט מיין ברודער
מיט אַ ביסל וואַסער אין אַ פלעשל אויפן דעק.

שווייג, מיין האַרץ,
דעם שווערסטן צווייפל — טאָר מען ניט דערמאָנען מיט אַ וואָרט,
אפשר ציטערט נאָך אַ צווייגל,
און אַ פויגל איז געבליבן דאָרט.

1941.

בריוו פון געטאָ

אייערע קורצע בריוו —
דריי שורות אויף אַ קאַרטל, ניט מער.
ווי יעדע מייל וואָלט צוגעלייגט אַ שטיין —
אַזוי זיינען זיי שווער.

אַ שורה וועגן אַלעמענס געזונט,
ביים נאָמען יעדערן דערמאָנט,
מען זאָל ניט דאַרפן איבערקלערן,
און רחמים בעט דער ווייסער בלויז אויפן פּאַפּיר,
אַזוי מסתמא איז דער כתב פון טרערן.

די קורצע בריוו —
זיי ליגן ביי מיר אַלע אויפגעקליבן,
ביז סוף פון דורות וועלן זיי פאַרבלייבן.
איך זע די ציטעריקע האַנט, וואָס שרייבט זיי איצט,
איך ווייס די פייערדיקע האַנט,
וואָס וועט מיט רחמים דעם בלויז דערשרייבן.

1941.

אַ ליד וועגן זיך

אַן אַלטע נאַרישע געוואוינהייט — לידער,
די ערשטע שורה קומט אַליין פון זיך,
אַ ריר, אַ ברום, אַ קול, אַ ווידערקול און ווידער,
ווי אַלע אותיות וואָלטן געטראָגן שיך.

עס לויפט די ערשטע ריי,
די סטראָפע איז געשלאָסן מיט אַ ריג,
זי גיט אַ פלי, ווי ערשטער גרינגער שניי,
וואוהין ? וואוהין ? און פאַלט צוריק.

זי פאַלט צוריק איבער מיין קאָפּ,
שוין נישט ווי גרינגער שניי, נאָר ווי אַ שטיין.
אָט גיב איך זיך אַ ריס . . . אין ערגעץ מוז מען גיין . . .
וואוהין, וואוהין זשע גיין ?

איך האָב געוואוסט : אין מזרח־זייט גייט אויף די זון.
איך האָב געוואוסט, דער דרום איז די העלע שיין.
איך האָב געוואוסט, דער מערב איז די רייפע בלום,
איך האָב געוואוסט, דער צפון איז דער ווייסער ליין.

די גאַנצע געאָגראַפיע ליגט קאַפּויר,
און אַלע מיינע ליבשאַפטן — פאַרסמטע.
די קראָ — דער זינגער איז, דער טרייסטער — איז אַ טכויר,
און אַלע ליבסטע זעען אויס, ווי אומבאַקאַנטע.

ס׳איז בלויז געבליבן נאָך אַ וועוורקע אויף אַ צווייג,
דערשראָקן פונקט ווי איך, און פונקט ווי איך פאַרלאָרן,
ס׳האָט זיך געחלומט אים אַ בלוט־געפאַרבטע שטייג,
און זיינע טענץ, ווי מיינע לידער, זיינען איינגעפראָרן.

איך האָב געהערט אַמאָל דעם גאַנג פון הילכעדיקע מאַרשן,
איך האָב געזען אַמאָל דעם פלאַם פון פייערדיקע פאָנען,
איך האָב פאַרזוכט אַמאָל דעם ווײַן פון רײַפע קאַרשן,
כ'האָב ליב געהאַט דאָס ליד פון רױשנדיקע שטראָמען.

די וועלט איז יונג געוועז,
געוואָלט משדך זײַן זיך מיטן הימל . . .
איצט האַלט איך אײַנגעטונקט אַ שווערע פאַרקערפּען
און שרײַב אַן אַלטן „בית״, און וועק אַ דרימלענדיקן „גימל״.

נאָר אויף קיין אײנציקער פון מײַנע ליבעס האָב איך ניט חרטה.
פון יעדן פריילינג בלײַבט אין אויג אַ פלאַם
און וואַרעמט איצט אין נאַכט פון מיאוסער שלעכטע,
ווען יעדע מכשפה פויקט אין באַראַבאַן.

ס'איז אפשר רעכט, וואָס כ'ליג איצט, ווי אַ מויז אין נאָרע,
אין איסט־ניו־יאָרק, אויף עשפאָרד סטריט,
און כ'הער ביינאַכט, ווי ס'כריפּעט און עס פּלאַצט די קאָרע
פון אַלע ליבשאַפטן, וואָס האָבן אָפּגעבליט.

און כ'הער די ווינטן שפּילן אויך, ווי הכנעהדיקע קלעזמער,
די פייגל וואַקלען זיך ווי ווײַסע פלעקן,
איך גיב אַ ריס זיך — וויל אַ טרייסט פאַררופן,
אַ טרייסט פאַררופן, דעם חושך צו פאַרדעקן.

און שווערע רעדער זײַנען די מעת־לעתן,
ס'איז ניט קיין פיר און צוואַנציק שעה איצט אַ מעת־לעת.
אַ ים קען אויסרינען, אַ האַרץ קען זיך פאַרלעשן,
און אפשר, אפשר קען געשען אַ נס.

1941.

צו אַ קינדס פּאָרטרעט

דאָס קרייזעלע אַרום דיין קלייד,
איז קינדיש, איז מילד און זיס.
די זעקעלעך אויף דיינע קליינע פיס,
פון דיינע שיכעלעך די זוילן אַרויסגעשטעלט
צו אונדזער גרויסער, נאַרישער און ווילדער וועלט.

עס שרעקט מיך די גרויסע פּילקע לעם דיינע קליינע הענט,
אַ גלאָבוס דערמאָנט זי מיר, —
אַ וועלט וואָס יאָמערט און וואָס ברענט,
עס שרעקט מיך דער פייער, וואָס איז אַזוי נאָענט —
צו דיינע קליינע הענט.

עס שרעקט מיך די שטאָט אַוואו דו וואוינסט,
די געלע לאַטע אויף דיין מאַמעס קלייד,
דאָס גרויע שיסעלע מיט גריץ,
וואָס דו האַלטסט צו דעם די הענטלעך אויסגעשפּרייט.

עס שרייבט דיין מאַמע, אַז דו גייסט שוין און דו לאַכסט, —
גלייב איך ווידער, אַז וואונדער האָבן נאָך ניט אויסגעפּעלט,
און אפשר וועסטו מיט דיינע קליינע טריט
אונדז ברענגען ווידער צו אַ לאַכעדיקער וועלט.

1941.

צו אַ קינד אין געטאָ

מיין האַרץ לויפט שנעלער, ווי אַ טאַנק,
מיין אויג זעט העלער, ווי אַ טעלעסקאָפּ,
דורך ווייטן ברייטן און פאַרסמטן ים —
זע איך דיין טייערן, דיין קליינעם קאָפּ.
דיין בלאָנד קעפּעלע, די הערעלעך, ווי פלאַקס,
דעם גרויסן נס איך זע — אַ קינד אין געטאָ וואַקסט.

מיט הויכע פיסעלעך,
אַ באָרוועסע, אָן שיך,
ביסט היינט אין הויף אַרויס
מיט שטראַליקן געזיכט.
און פאַר די פיצעלעך —
די קינדער אין אַ קרייז —
געפלוידערט און דערציילט
וועגן אַ „פּעקל שפּייז".

„אָנגעקומען אין פּאַפּיר,
אָנגעקומען אַ פּעקל שפּייז,
אָנגעקומען מיט אַ שיף
מעל און צוקער, טיי און רייז".

האָבן דיין גלייכן — פּיצעלעך — זיך איינגעהערט,
מיט צינגלעך געלעקט, אָנגעקוקט דיך טיף,
און אויף דער ערד זיך אויסגעזעצט
און אויסגעקלעפּט אין זאַמד אַ שיף.

אַ שיף — — — —
די הענטלעך אַרבעטן מיט פלייס,
אַ שיף — זי זאָל דורך געטאָ־ווענט
ברענגען צוקער, מעל און רייז.

זיץ איך איצטער דאָ ביינאַכט,
און וויין פאַרן אייביקן, וואָס ער האָט אפשר טרערן ליב,
עס זאָל דורך ווייטן, דורך פאַרסמטן ים —
דורכשווימען אייער אויפגעקלעפטע שיף.

זיי רופן הײַנט צו מיר . . .

דער בוים, וואָס איך האָב ליב געהאַט,
דער טייך, וואָס איך האָב ליב געהאַט,
דער וועג מיט דער לבנה אין פֿאַרויס,
דאָס שטיבל מיטן פֿאָדערהויז —
זיי רופן היינט צו מיר דורכן חורבן און פֿאַרלענד:
— נו שטאַרב אָט איצט —
ווען מיר זיינען פֿאַרבלוטיקט און פֿאַרברענט.

מיין גאָט, וואָס האָט די וועלט געהיט,
מיין גאָט, וואָס האָט דעם עלנטן געשיצט,
מיין גאָט, וואָס אַלע יאָרן, יעדער טאָג —
ט׳געטראָגן פֿאַר מיין אויג זיין ציטעריקע וואָג —
ער רופט מיך היינט אין יעדער שטילער שעה:
— נו שטאַרב אָט איצט —
ווען איך בין פֿאַר דיין אויג שוין מער נישטאָ.

1941.

צו די קינדער פון טוואַרדע־גאַס

עס חלומען זיך אָפט מיר קינדער אין די קלאַסן,
שרהלעך און בערעלעך — געפילדער און געשריי —
פון טוואַרדע און פון טשיעפלע און פון אַלע גאַסן,
איך בין דער פאַסטעך און איך פיר די שעפסלעך, מיין אַרמיי.

זיי לערנען און זיי שרייבן און זיי מאַכן ווילדע גרייזן,
דער „גימל" מיטן „זין" זיך צעביטן מיט די נעז.
איך נעם די קרייד, הייב אָן די אותיות ווייזן,
און עס בליט אויף אויף דער וואַנט אַ ווייסער בעז.

אַלע אויגעלעך קוקן צו מיר, שטראַלן,
און עס ווערט מיר הייס ווי פון אַ שטראַל פון זון,
נאָר פלוצלונג זע איך, ווי די ווענט צעפאַלן,
איך בלייב אַליין, און וויסט איז דער אַרום.

דער אומגליקלעכער פאַסטעך, ס'איז אַ צווייגל אים אין האַנט געבליבן,
אַ דאַרס, אַן סימן פון אַ בליט,
די גוטע קינדערישע הענט — מיט קרומע „גימלען" האָבן זיי פאַרשריבן
אַ טאָג פון גליק און ווערטער פאַר מיין ליד.

ס'איז וואַרעמקייט אַ סך געווען אין קאַלטע קלאַסן,
ס'איז זון געווען לעם ווינטערדיקער טיר,
און כ'וואָלט ניט אָפּגעבן אַ שעה פון אייער טומלדיקן שפּאַסן
פאַר אַלע גוטסקייטן, וואָס שיטן זיך אויף מיר.

ס'איז זייער אומעטיק אָן אייך און ביטער,
כאָטש כ'האָב זיך אויסגעלערנט שוין אויף ענגליש זאָגן: „יעס",
ווען איר זענט אונטער קלעפּ פון שטעכיקן געוויטער,
בליט ניט מער דער אלף־בית ביי מיר, ווי בעז.

כ׳זע אויס אַן אַלטער, דאַרער פֿלאַקן,
און שרייב פּאָעמעס פֿאַרן ווינט,
דערהערט זיי עמעצער, ווערט ער דערשראָקן,
זאָגט אָפּ גוט־מאָרגן און פֿאַרשווינדט.

לייען איך פֿאַר אייך ביינאַכט מיין שרייבן,
כאָטש איר זענט דאָ ניטאָ,
עס הייבן זיך די ווענט פֿון געטאָ אַרום מיר און בלייבן
אין גאַנצער פֿינצטערקייט פֿון בייזער שעה.

איך פֿרעג ניט וואָס איר מאַכט —
אין חלום זע איך טרערן אייערע, וואָס גליען,
איין חלום קומט מיר נאָך — ווען ס׳וועט דאָס דאַרע צווייגל אין מיין האַנט
פֿון אייער אָטעם ווידער זיך צעבליען.

1941.

נאַכט

דאָס לעבן לעבט,
נאָר די נאַכט איז פֿול מיט שאָטנס,
זיי מורמלען אַרום מײַן צוקאָפּנס,
די נאַכט ווערט פֿול מיט טויט.
דער הימל און דער זילבערוועג,
און אויך דער מאָרגן־רויט,
און אויך מײַן האַרץ —
כאָטש זיי זײַנען נאָך דאָ —
אויך זיי זײַנען שוין טויט.

אַ גרוי כאַלאַטל איבער מײַן בעט
שאָטנט זיך אַ גאַנצע נאַכט.
איך טו מיך אָן און גיי אַוועק
הערן דעם דרימלענדיקן שליאַך.
נישטאָ קיין וועג איצט,
וואו דער טויט גייט נישט אַרום,
עס טרעפֿט אַמאָל ער זינגט אַ לידל צו
מיט שטילן און פֿאַרטראַכטן ברום.
ס׳איז מער נישטאָ קיין שרעק אין דעם,
און שטאַרבן איז נישט מער קיין שאָד —
אַלץ, וואָס איז גוט און ליב געווען,
פֿאַרדרייט איז אין זײַן ראָד.

דאָס הײַזל מיטן אַלטן פּלויט,
דאָס ביסל בלומען־בלי, דאָס הייפֿל גראָז —
אויך דאָרט צו גאַסט געווען דער טויט,
איך פֿרעג נישט מער: נאָך וואָס?
כ׳וויל שרײַען — זאָגן אַלע ווערטער: שאַ,
נישט שריי, נישט רוף,

לייג זיך דאָ אַוועק מיט אונדז און ליג.
מען האָט צוזאַמען מיטן האַלדז דערשטיקט
אונדז אַלעמען צוזאַמען מיטן גוף.
שאַ, שאַ,
ניט שריי, ניט רוף.

און ס׳שווייגט דער דרימלענדיקער שליאַך,
דער ווייטער מאָרגן־רויט,
און אויך מיין האַרץ —
כאָטש זיי זיינען נאָך דאָ,
אויך זיי זיינען שוין טויט.

1944.

עכאָ

ס׳איז ווידער ווייסער שניי.
אַ ווינטער איז געקומען זיך צעשלעפּן,
נאָר דאָרט וואו ס׳ענדיקט זיך דער ווייסער שניי
איז מער קיין וועלט נישטאָ,
נישטאָ קיין גלעקל און קיין שליטן.
דאָרט וואו ס׳ענדיקט זיך דער ווייסער שניי
איז מער קיין ליכט ניטאָ —
ס׳איז שניט אויף שניט פאַרשניטן.
אַ ווינטערדיקער פויגל שרייט אונטער מיין שויב,
אַ וויי־פויגל געקומען קלאָגן.
דאָרט וואו ס׳ענדיקט דער פויגלשער געשריי
איז מער קיין וועלט נישטאָ,
קיין נעסט, קיין פליען,
דאָרט וואו ס׳ענדיקט זיך דער פויגלשער געשריי
איז מער קיין קול נישטאָ,
נאָר ווינטן וויען.

מיין האַנט אַ וואָרט נאָך שרייבט —
אַן עכאָ פון אַמאָל־געווען, אַמאָל־געלעבט, אַמאָל־געזונגען,
נאָר דאָרט וואו ס׳הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך אַן אות
איז מער קיין וועלט נישטאָ,
קיין טיר, קיין שטימען און קיין אָטעמס.
דאָרט וואו ס׳הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך אַן אות
איז מער קיין וועלט נישטאָ,
אויסער די וועלט פון שאָטנס.

1944.

דער ווינט

עס מורמלט דער ווינט
כמעט ווערטער מען הערט,
אַ דאַוונער אַ שטילער
אין אַ ווינקל פאַרקלערט.
די הענט אויף די שלייפן,
די אויגן פאַרשטעלט.
ער זעט דעם טונקעלן דורכגאַנג,
וואו עס פאַרשליסט זיך די וועלט.
דער ווינט גיט אַ וויקל
אַ פאַלע, אַ פאַלד —
דער דאַוונער, דער שטילער
אין זיין ווינקל פאַלט.
די שלייפן די הויכע
צוגעפאַלן צום ברעט.
עס זאָגט ווידוי דער ווינט,
כמעט ווערטער מען הערט.
די געשטאַלט אויף דער ערד —
יעדער אבר באַקענט.
עס איז אפשר מיין ברודער
אין לעצטן ווינקל פאַרקלעמט.
ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן
אין אַ חרובער וועלט.
דעם ווינט, דעם שטומען שליח,
האָבן ווערטער פאַרפעלט.

1945.

דער בעל־תקיעה

דער בעל־תקיעה יאָמערט אויס אַ ניגון,
אַן אַלטן ניגון צו גאָט.
איבער אים —
אַ הימל אָן שטערן,
חושך אין חושך פאַרלאָרן,
דער בעל־תקיעה יאָמערט אויס אַ ניגון:
תקיעה, תרועה, שברים.

די פינצטערקייט — אַ ווינט, אַ מויער,
עס איז קיין עדה,
קיין מנין נישטאָ.
דער בעל־תקיעה יאָמערט אויס אַ ניגון,
אַן אַלטן ניגון:
הללויה.

לעבן אים אַ פאַרלאָשענער דאָרן,
אין חושך נאָך פינצטערער שטאָרט,
דער בעל־תקיעה יאָמערט אויס אַ ניגון,
אַן אַלטן ניגון,
און וואַרט —
דער דאָרן זאָל אָנהייבן ברענען,
אויף אַ וואַנט זאָל אַ פלאַם טאָן אַ שריפט.
איבער אים אַ הימל אָן שטערן,
און חושך,
און טויטלעכער גיפט.
נאָר ס׳איז נישט מפסיק,
עס שטילט נישט דער האָרן:
תקיעה,
תרועה,
שברים.

1945.

ווערטער זיסע

הענט מיינע, פינגער, און אויגן, און פיס,
נאָך קלעפּ אַזויפיל צי זענט איר נאָך שטאַרק ?
איך וויל איצט פאַרלייגן אויף אייך אַ ביקס,
און אַ פייל, און אַ זאַק אויף מיין קאַרק.

און שיך וויל איך אָנטאָן פון וועלפישער פעל,
אַ קלייד פון אַ ווילדן באַרבאַר ;
אַ טראָט איז אַ תהום און פאַראַט איז אַ שוועל,
יעדער שטערן שווימט צו מיט געפאַר.

בלויז ביים לייב וועל איך לאָזן די ווייסקייט פון העמד,
די ווייסקייט פון העמד איבער שניט פון פאַגראַמען.
און פאַרמעקן מיט האַס,
(טריקנט אויס פון מיין האַרץ)
ווערטער זיסע : והיה באחרית הימים.

נאָר פאַרקערט — איך וועל לערנען מיין צונג אַ געשריי,
אַ געשריי, אַז די פייגל זאָלן פליען פאַרגעסן.
פאַל צום נידער, מיין האַרץ,
וואַקס ווי דאָרן, מיין וואָרט,
און פאַרבלי איבער גאַסן און פלעצער.

הענט מיינע, פינגער, און אויגן, און פיס,
נאָך קלעפּ אַזויפיל צי זענט איר נאָך שטאַרק ?
איך וויל איצט פאַרלייגן אויף אייך אַ ביקס,
און אַ פייל, און אַ זאַק אויף מיין קאַרק.

1938.

יידן

אויפן טיש אַ בייגעלע פּאַפּיר,
אין האַנט אַ פּען,
אַ שורה ניט דערשריבן.
דער טויט האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר
און וואַרטן נעבן שוועל געבליבן.
די האַנט האָט אים דערפילט,
געטאָן אַ צוק.
דער שרייבער האָט די אויגן אויפגעהויבן.
דערקאַנט דעם טויט,
אויף אים געטאָן אַ קוק,
דערנאָך אַ לעצטן בליק צו שוואַרצע שויבן.
„איך וואַרט אויף דיר —
האָט שטיל געזאָגט דער טויט, —
אין דרויסן וואַרטן אויף אונדזביידן יידן".

„איך גיי
מיט דיר צוזאַמען און מיט זיי" —
דער שרייבער האָט געזאָגט,
די פּענע איינגעטונקט
און ביזן פּונקט דערשריבן:

„איך בין אַ ייד. עס וואַרט אויף מיר דער טויט.
אין דרויסן וואַרטן אויף מיר יידן.
מיר גייען היינט צוזאַמען מיטן טויט
דעם שונא אָנזאָגן:
מיר גייען זיגן".

געבליבן אויפן טיש דאָס בייגעלע פּאַפּיר,
די פּען פאַרגעסן,
די שורה ביזן פּונקט דערשריבן.
„איך בין אַ ייד, עס וואַרט אויף מיר דער טויט,
אין דרויסן וואַרטן אויף מיר יידן".

1943.

אַ בריוו כ׳האָב באַקומען

קום, מאַמע, צו מיר פון דיין אייביקער רו,
דעק מיך איין און פאַרדעק מיין געזיכט.
און אַז איינציקער שטערן אין פענצטער ביי מיר
וועט ברענען אַזוי ווי אַ ליכט.

אַ בריוו כ׳האָב באַקומען צעקנייטשט און צעבייגט,
ס׳ליגט דאָס אומגליק אויף אים
ווי אַ שאָטן צעלייגט.

דאָרטן פעלט אַ געריס
וואָס איך זוך אים אַרום,
ווען איך וואַך,
ווען איך שלאָף,
ווען ס׳איז נאַכט,
און — ווען זון.
און מיין האַרץ איז פּאַמעלעך אַראָפּ אין אַ תהום
און מיין גוף האָט דערפילט,
אַז די ערד איז אים נאָנט.

כ׳וויל ניט ברענגען קיין צער צו דיין אייביקער רו.
כ׳ווייס ווי גרוי ס׳איז דער פּלויט לעם דיין עלנטן זיין.
און איך, וואָס כ׳בין דאָ — אויף וועלט פון הימל און זון,
איז מיין האַרץ אפשר טויזנט מאָל טויטער ווי דיין.

כ׳גיי אַראָפּ פון געלעגער ביינאַכט,
אין מיין לאַנגן כאַלאַט כ׳שלעפּ זיך אום — אַ מאַניאַק,
מיין שטוב איז צעשניטן פון וועגן אַ סך.
כ׳שלעפּ זיך אום — ביז איך פאַל אויפן דיל, ווי אַ זאַק.

1942.

אָנבּאָט

אָנבּאָט

מיין גאָט, ווי אַ גוטער עלטער־פעטער
ביסטו פול געווען אין שטוב ביי אונדז אין אַלע ווינקלען.
פאַרבעט צו גאַסט מיך איצט און לייג ניט אָפּ אויף שפּעטער,
דיין שור־הבר פאַרזוכן, דיין אַלטן ווייַן כ׳וויל טרינקען.

און מאַך דאָס פּשוט, אין אַ מיטוואָך איינמאָל אין אַ העלן,
(נאָר גרייט דאָרט צו פאַר מיר אַ פוסבענקל אַ שיינעם).
איינע פון די וועלטן דיינע איז מיר ניט געפעלן,
כ׳האָב מורא פאַר די מושלים . . . טאָ זאָג דאָס ניט פאַר קיינעם.

דו מאַכסט אַזעלכע מאָדנע שפּאַסן
מיט דיין שיינעם בלומענגאָרטן,
און אין ניו־יאָרק אפילו מיט דיין פאָלק ישראל,
וואָס וויינט אויף אונדזער חורבן, וויינט און שפּילט אין קאָרטן.

נאָר שיק נאָך מיר דיין שענסטן מלאך,
עס זאָל מיר גרינג זיין פליען אין דיין היכל,
טאָ שיק נאָך מיר דיין סאַמע שענסטן מלאך,
עס זאָל מיין לעצטער בליק פאַרלאָשן ווערן מיט אַ שמייכל.

.1940

אָן ווערטער

ווען עס זיינען שוין גרייט אַלע דריי:
דאָס פּאַפּיר, און די טינט, און די פּען,
איך אַליין, ווי אַ גולם דערביי
קוק און קען גאָרניט דערזען.

ס׳ליגט מיין שאָטן אויף דר׳ערד, ווי אַ הונט,
ס׳ברענט מיין ליכט און עס ציטערט דער פלאַם.
נאָר דאָס וואָרט איז פאַרזונקען אין גרונט,
און איך בין אַ ליימענער תם.

מיין האַרץ, ווי אַ מילגרוים, וואָס פוילט —
ס׳האָט אַ קראָ אים די שאַלעכץ צעפּיקט
און מיך האָט דער טרויער פאַרגרוילט
און די ווערטער די לעצטע דערשטיקט.

איצט איז פאַלקאָם דער תהום, דער פאַרוויר,
ס׳פאַלט מיין קאָפּ אויפן טיש ווי אַ שטיין,
באַלד צעפּראַלט זיך מיט שווערקייט אַ טיר
און מיר וועלן אַלע פאַרגיין.

די פּען, דאָס פּאַפּיר און די טינט
און דער גולם וואָס זיצט לעבן זיי,
פון תהום וועט אַ בלאָז טאָן אַ ווינט
און פאַרלעשן דאָס ליכט מיט אַ ווײ.

און די ווערטער דערשטיקטע אין צער
ווי שטיינער אַ זאַק אויף מיין האַלדז
וועלן ציען צו לעצטער געפאַר,
דאָרט, וואו עס ענדיקט זיך אַלץ.

1943.

לעצטער רוף

דער הויכער הימל,
דער שטילער גאָט,
אַ בלאַט, וואָס וואַקסט אין אַ הויפן ערד —
זיי זיינען קלאָר
אין בלויער רו,
אין טאָג, וואָס שטאַרבן איז מיר באַשערט.

און ווען מיין בלוט
איז ווייס פון שרעק,
און יעדער שאָרך איז לעצטער רוף —
הער איך דעם הימל,
דעם שטילן גאָט —
דורך אומעט אייביקן פון גוף.

1943.

מיין גן־עדן

אַלץ קלערער, קלערער כ׳זע דעם באַרג,
וואו ס׳ברענט אַ ליכט צו מיין צוקאַפּנס.
עס פאַלן אַפּ די טעג מיינע און מיינע פריינט,
ווי לעצטע הילכעדיקע טראַפּנס.

און אויב ס׳איז אמת,
אַז אַ גן־עדן איז דאָ אויף יענער זייט,
און אויב ס׳איז אמת,
אַז די שכינה איז דאָרטן געבאָרן,
בעט איך דיך, גאָט,
פאַרוואָרף ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, זייער ווייט
דעם גראָבן, פאַרמעטענעם ספר־הזכרון.

ווייל איך האָב מורא, איך בין פאַרצייכנט אין ספר אויך דאָרט,
מיין נאָמען,
די אויגן,
דער קאָליר פון די האָר,
און אויסגעצאַצקעט, ווי אַן אמתער פּאַספּאָרט,
אָט ווי אויף אונדזער היגער וועלט, און גאָר.

און אויב ס׳איז אמת,
אַז מלאכים שפּאַצירן דאָרט אום,
מיט ווייסע פליגל,
מיט חן, מיט חסד, מיט גענאָד,
בעט איך זיי, פון זייער כבוד וועגן,
זיי זאָלן מיך ביים טויער גאָרניט פרעגן;
נאָר פשוט דורכלאָזן אין קעניגרייך פון גאָט.

און פשוט מעלדן דעם גרויסן באַשאַפֿער,
אַז אַ נשמה שטייט און וויל ניט ריידן,
זי פֿאַרלאַנגט אַ באַזונדערע לאָזשע
אין אַ דאַך־שטיבל פֿון דעם גן־עדן.

און זי בעט אַ וואַזאָנע אַ גרינע
פֿון לולבים, פֿון סכך און פֿון מעך,
און זי בעט, אַז דער שכן אַנטקעגן
זאָל ניט זיין פֿון דעם זעלביקן צעך.

אָט אַזוי זאָל מיר זיין מיין גן־עדן
פֿאַר די פֿאַר מיליאָן יאָר, וואָס באַשערט. —
וועל איך זיך אָפּרוען דאָרט פֿון דעם פּרוזדור,
וואָס האָט מיך זייער און זייער באַשווערט.

1941.

אין דער גרויסאַרטיקער וואוינונג פון דער אייביקייט

ווען איר וועט קומען צו מיר, פריינט,
צו מיין גרויסאַרטיקער וואוינונג פון דער אייביקייט,
זאָגט גוט־מאָרגן מיט אַ שמייכל באַגלייט,
איך וועל אייך הערן אין דער וואוינונג פון דער אייביקייט.

ס׳איז דאָרט ניט פינצטער און ניט פייכט.
אַ פּאַלאַץ אייביק גרויס און גראַם,
כ׳וועל האָבן דאָרט אַ טעלעפאָן
צו אים אַליין און צו זיינע לייט
אין מיין גרויסאַרטיקער וואוינונג פון דער אייביקייט.

די זון מיט וואַרעמקייט וועט קומען אויף באַזוך,
דער שניי וועט אויסשפּרייטן אַ ווייסן פּוך,
און יעדער פויגל אין זיין זומער
וועט אַ טרילער טאָן זיין פרייד
און קומען צו מיר אין דער גרויסאַרטיקער וואוינונג פון דער אייביקייט.

די שטערן וועלן קנעלן מיט מיר פילאָזאָפי
די לבנה וועט פּלאַפּלען פון הי און פון ניט הי.
זיי וועלן אויך אַמאָל אין רויטן פלאַם פאַרדרייט
קומען צו מיר אין דער וואוינונג פון דער אייביקייט.

ווען איר וועט קומען צו מיר, פריינט,
צו מיין גרויסאַרטיקער וואוינונג פון דער אייביקייט,
דערציילט אַ מעשה מיט אַ שמייכל אַ באַהעלטן,
ווייל אונדזער וועלט איז סוף כל סוף,
ווי ס׳זאָגט דער קלוגער פילאָזאָף,
נאָך אַלץ די בעסטע פון די וועלטן.

— — — — — — — —

כאָטש קהלת האָט אַ סברא,
אַז זי טויג אויף אַ כפּרה.

1943.

געזעגענונג

שוין לאַנג אַ שורה ניט געשריבן,
ס׳ווערט אויסגעלאָשן מער און מער פון האַרץ דער פלאַם.
אַ דאַנק פאַר די געוועזענע חסדים,
פאַר מילדן אלף־בית,
פאַר לידער־טרייסט,
פאַר פידל פון דעם גראַם.

פון האַרץ די לעצטע פונקען אויפגעקליבן —
די קעלט דערוואַרעמען,
אין חושך ליכט דערזען —
כ׳וואַרט יעדן טאָג אָן מינדעסטן פאַריבל
אַ ווינט זאָל קומען, אַרויסשאָקלען פון האַנט די פען.

מסתם, ווער ווייסט — מסתם
האָב איך ניט שטענדיק אָפגעהיט אין תמימות
די לויטערקייט פון פלאַם.
מסתם, ווער ווייסט — מסתם
האָב איך געמאַכט פון וויין די ברכה
איבער אַ כוס מיט סם.

כ׳בין בלינד פון צער.
איך זע ניט מער קיין בערג.
איך גלויב ניט אין קיין לויכטנדיקע שפּיצן.
און גיין אויף פלאַכלאַנד איז דער וועג פון נאַר,
ער׳ט קיינמאָל ניט דערגיין
צום הייל פון ליכט און בליצן.

ס׳ווערט מער און מער אַלץ נאַכט.
די פינצטערקייט איז טיף,
ווי אין שייד פון אייביק שלאָפן.
אַ דאַנק פאַר די געוועזענע חסדים,
פאַר העלע אָנהויבן
און וואָלקנדיקע סופן.

ס׳איז דורכגעברענט,
עס הוידעט זיך אַוועק דער לעצטער פֿאָדים,
די אותיות קרישלען זיך,
די ווערטער בלייכן אויס,
אַ דאַנק, אַ דאַנק
פֿאַר די געוועזענע חסדים.

◆

פֿאַר טרויער כ׳האָב מיין אלף־בית פֿאַרגעסן.
פֿאַרקרימט די הייען, פֿאַרטעמפּט די חיתן,
דעם זין פֿון זיי כ׳האָב נישט דערבליקט.
נו, מילא ווערן ווערטער ניט פֿאַרענדיקט בלייבן,
נאָך מיר וועט קומען עמיצער און וועט דערשרייבן
דאָס וואָרט, וואו איך האָב זיך דערשטיקט.

דעם פּיין פֿון שטומלשון וועט עמיצער דערלייזן.
די פינצטערקייט פֿון תהום מיינעם דעם בייזן
וועט אויפלויכטן אַ יונגער מיט אַ גרינגער פען.
די שטומע און פֿאַרבלאָנדזשעטע געשטאַלטן,
וואָס ריגגלען מיך אַרום, מיין אָטעם האַלטן,
וועט אים באַשערט זיין אויפגעלעבטע זען.

איך הער זיין גאַנג דעם גרינגן, ניט געצאַמטן,
ער ט׳אויסלייזן מיינע פֿאַרזעצטע פֿאַנטן.
און צושרייבן די שורות מיט אַ פּייף.
כ׳וועל דעמאָלט זיך דעם אלף־בית צוריק דערמאָנען,
כ׳וועל אין גן־עדן זיין, נאָר כ׳וועל סיוּוי דערקאָנען
מיין ניגון אין דעם לעצטן פֿולן רייף.

1943.

אַוועק די וועלט פון נעכטן

אַוועק די וועלט פון נעכטן, און מיר זיינען אַוועק,
משיח רייט איצט און שפּאַלט די ערד.
אוי ניט גוט, ער האָט אויך ליב דעם קנאַל פון אַ ביקס,
אוי ניט גוט, ער האָט אויך ליב די זאַלץ פון אַ טרער.

אַוועק די וועלט פון נעכטן, און מיר זיינען אַוועק,
די ווערטער אונדזערע ט'אַרומצאַמען אַ צוים.
אַ שטאָלענער וועט שטיין, אַ געפּאַנצערטער וועכטער,
מיר זאָלן ניט צוריקקומען און מיטברענגען דעם טרוים.

נאָר מיר וועלן צוריקקומען סייווי,
פון גן־עדן קומט מען שטענדיק צוריק,
מיר וועלן ווידער אָנהייבן באַוואונדערן די זון,
ווי פייגל אייביקע זינגען וועגן גליק.

1939.

זונפאַרגאַנג

אַ שאָד מיין האַרץ —
אַזויפיל ליב געהאַט,
זון און ווײַן אין גאָלדענע געפעסן —

אַ שאָד מיין האַרץ —
אַזויפיל שלעכטס געזען,
און קען קיין איינע ניט פאַרגעסן.

אַ שאָד מיין האַרץ —
אַזויפיל פריינט געהאַט,
אַזויפיל פייגל און הילכיקע לידער,

אַ שאָד מיין האַרץ —
וואָס וויל ניט איינשלאָפן,
כאָטש צום זונפאַרגאַנג קניען די גלידער.

דאָס איז אַן אַלטע מעשה

דאָס איז אַן אַלטע מעשה

דאָס איז אַן אַלטע מעשה פון אַמאָל, פון לאַנד כנען —
ווען פּאַסטעכער האָבן געפּיטערט אַ ווינזלטיר, אַ בופלאָקס און אַ ווידער,
דאָס איז אַן אַלטע מעשה פון דעם אַלטן לאַנד כנען,
ווען יוספן האָבן פאַרקויפט די ברידער.

צוועלף ברידער זיינען זיי געווען און אַלע פיינע לייט
ביים טאַטן יעקב ישראל אין געצעלט.
סטאַדעס האָבן זיי געהאַט אויף צוואַנציק מייל די ווייט
און ס׳האָט זיי קיין זאַך ניט געפעלט.

דער אַלטער יעקב ישראל האָט מאָדנע איינפאַלן געהאַט,
אַזעלכע וואָס עס פּאַסט אונדז ניט ביז היינט,
ער האָט אַ מלאך איינמאָל אין אַ שטילער נאַכט געכאַפּט,
און האָט מיט אים געשלאָגן זיך ביז זון האָט אויפגעשיינט.

און עס האָט די הימלשע פמליא אויף יעקבן פאַרביסן מיט אַ צאָן,
(עס ווייסן ניט מלאכים פון קיין שפּאַסיקן געמיט)
און יוסף, זיין מיזיניקל, דערפאַר פון קינדווייז אָן
געוואָרן איז אַ שטערן־פּלאַפּלער, אַ פלאַמיט.

נאָר יעקב ישראל האָט דאָך מאָדנע איינפאַלן פאַרמאָגט,
איז גראָדע אים געווען געפעלן אָט די זאַך,
און כאָטש עס האָבן אַלע זיך אויף יוספן געקלאָגט —
האָט יעקב אים אַ זיידן העמד אין פאַסקעלעך געמאַכט.

און יוסף יעדע נאַכט אַ נייעם חלום האָט געזען,
און אַלע טאָג אַ נייע אויסטראַכטונג געבראַכט אין לאַנד כנען, —
צי איז נאָך דאָ אַ האַס אַ שטאַרקערע, צי איז אַמאָל געווען,
ווי די וואָס אייביק איז צום בעל־חלומות פאַראַן ?

און עס האָבן אויפגעשושקעט זיך די אַלע ברידער עלף,
עס סודן זיך אַן אויער מיט אַ וואָנצע, מיט אַ טשוב,
און אין מיטן העלן טאָג, אַנטקעגן זון, אַזייגער צוועלף
האָט מען יוספן אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב.

אויסגעליפערט אים צו גנב־גזלן־חונף־קאַראַוואַן,
פאַרשמידט דעם בעל־חלומות און פאַרקויפט אים פאַר אַ קנעכט,
און ס׳איז געשען אין מיטן טאָג, אין מיטן לאַנד כנען,
און ס׳איז פאַר גאַנץ כנען געוועזן רעכט.

דאָ ענדיקט זיך די מעשה, מער געדענק איך ניט,
דער טרויער מיין זכרון האָט פאַרזונקען, ווי אַ שטיין,
כ׳הער אייביק נאָר דעם קלאַנג פון זיינע ווייַנענדיקע טריט,
און זע דעם בעל־חלומות אין אַ מדבר גיין.

דער גרינער טיש

פון יענער זייט פון גרינעם טיש
זיצט שטענדיק דער קליגסטער מאַן.
דער גרינער טיש איז וויסטער פון אַ מדבר,
דער גרינער טיש איז תהומיקער פון ים.

און פון דער זייט גרינעם טיש
שטייט שטענדיק דער נאַרישער אָרעמאַן.
ביי זיין רעכטער האַנט היט אים מיכאל,
ביי זיין לינקער האַנט היט אים גבריאל,
אַז ער זאָל בייקומען דעם טיפן ים.

פון יענער זייט פון גרינעם טיש
רויכערט אַ ליולקע דער קליגסטער מאַן.
יעדעס וואָרט זיינס איז אַ פויגל,
וואָס פּיקט די אויגן דעם אָרעמאַן.

נאָר אָטאָ האָט אַ שמייכל געטאָן
דער קליגסטער מאַן אויף יענער זייט טיש,
און ביים בידנעם אָרעמאַן
טאַנצן אַזש די סקאַרפּעטקעס אויף די פיס.

גאָט געטרייער, וואָס דו האָסט באַשאַפן
ערד און הימל, אייזעלעך און פיש,
וויינ דיין וואונדער, אויב דו קענסט נאָך וואונדער ווייזן,
טריקן אויס דעם תהום פון גרינעם טיש!

און פאַרלעש, געטרייער, דעם רויך פון דער ליולקע,
וואָס עס רויכערט דער קליגסטער מאַן,
ווייל עס שרעקט זיך, נעבעך, ווי פאַר אַ וואַלקן,
אויף דער זייט טיש דער בידנער אָרעמאַן.

.1939

ביזן אייביקן פינאַל

איינס און צוויי,
צוויי און דריי,
ס׳איז גוטער יונגער חודש מאַי.
עס זינגט דאָס פעלד,
די פייגל אויך,
דער בלויער הימל אינדערהויך.
און אין בלויען הימל,
אַ מלאך שפילט זיך אין זון.
און ביים זוניקן מלאך,
אין לאַץ אַ ווייסע בלום.
— זאָג מיר, גוטער מלאך,
וואו איז דער זיסער קוואַל ?
ווייל אַלע, אַלע וואַסערן,
זיינען ביטער גאַל.
— ניט פרעג מיך אַט די פראַגע,
ניט פרעג, ניט גלייך, ניט קרום,
איך וועל פאַר שרעק פאַרלירן
פון לאַץ די ווייסע בלום,
און איך קען חלילה פאַלן,
פון אַט דעם הויכן פלאַץ,
מען פליט ניט מיט קיין פליגל,
נאָר מיט אַ בלום אין לאַץ.

◆

איך און דער מלאך געבעך,
ביז אייביקן פינאַל,
ער היט אין לאַץ דאָס בלימל,
איך זוך דעם זיסן קוואַל.

.1941

אין זוניקייט פון מאַי

מיין לעבן — פּאַס אָן די גאָלדענע שיכעלעך,
זאָל זיין אַ זוניקייט אין גרינעם גראָז,
אויף אַלץ וואָס לעבט, וואָס בליט און זומערט
ליגט אַ פּאַרטאַיעטער פּאַרדראָס.

און אויב אַ חלום ליכטיקט, ווי אַ ווייסער העזל, —
ציטערן די אויערלעך אין פּאָרגעפיל פון ביקס,
מיין לעבן — פּאַס אָן די גאָלדענע שיכעלעך
אין זוניקייט פון מאַי, אין גרינקייט פון געוויקס.

דער חלום וואַקלט זיך, רייסט זיך אַוועק
און אַטאָ, אָטאָ וועט ער פּאַרגיין.
מיין לעבן — פּאַס אָן די גאָלדענע שיכעלעך
עס צילט אין מיר דער שאַרפסטער שטיין.

און שנעל זיינען די טעג, די שעהן וואַרטן נישט,
צעשיטן פעסטונגען פון שטאָל געבויט,
טראָגן אַלץ אַוועק — נאָר נישט די גאָלדענע שיכעלעך,
וואָס גייען איבער שטורעם, איבער טויט.

1939.

אַ טאָג פאַרגייט

אַ טאָג פאַרגייט,
און וואָס איז ליכטיקער ווי טאָג ?
עס גייט אַ פריינט אַוועק,
נישט קלאָג מיין האַרץ, נישט קלאָג.

און פריי זיך, פריי, מיין האַרץ,
וואָס ס׳איז אַמאָל אַ זאַמד
אונטער אַ שטראַל פון זון
געווען אַ בריליאַנט.

און פריי זיך, פריי, מיין האַרץ,
וואָס פינצטערקייט פון אויג
האָט אויסגעדאַכטע ליכטיקייט
געטאָן אַ זיסן זויג.

און פריי זיך, פריי, מיין האַרץ,
וואָס אויף אַ זעמדל גראָד
פּאַסירט, אַז צופעליק
באַגעגנסט זיך מיט גאָט.

ביינאַכטיקע געסט

ביינאַכטיקע געסט

ביינאַכט איז געקומען אַ פויגל צו מיר,
און געקלאַפּט מיט די פליגל,
אין מיין פענצטער און טיר.
— קום אַריין, פויגל־פידל, גוטער קלעזמער פון מיין יוגנט־ליד,
איך האָב ברויט נאָך און וואַסער פאַר דיר אָפּגעהיט.
קום אַריין, זיי מיין גאַסט, זיי געערט.
ס׳איז אונדז ביידן דאָס לעבן און דאָס שטאַרבן באַשערט.

און אַ קאַץ איז געקומען פאַרבלאָנדזשעט פון נאַכט,
געדראַפּעט מיט נעגל,
געדראַפּעט, געשאַרט.
— קום אַריין, קיצל־קעצל, פון מיין קינדהייט סטראַשנער וויזלטיר,
איך האָב ניט איין מאָל דעם בעזים פאַרזוכט צוליב דיר.
קום אַריין, זיי מיין גאַסט, זיי געערט,
ס׳איז אונדז ביידן צו בלאָנקען, נע־ונד זיין באַשערט.

און אַ ציג איז געקומען, דאָס בערדל פאַרשפּיצט,
געקלאַפּט מיט די קלאָען,
מיט די הערנער געקריצט.
— קום אַריין, ציגל־מיגל, קורצע בערדל, מילך אין קריגל.
דיין ליד נאָך־ביז־היינט מאַכט מיין בעט פאַר אַ וויגל.
קום אַריין, זיי מיין גאַסט, זיי געערט,
ס׳איז אונדז ביידן אַ מלמדישע דאָליע באַשערט.

ביינאַכט, אַ מענטש איז געקומען, זיך געשטעלט ביי מיין טיר,
און אַן אַנגסטיקע שרעק
איז געפאַלן אויף מיר.
— ווער ביסטו ? צי דו טראָגסט ניט אַ מעסער אין האַנט ?
צי דו טאַיעסט פאַררעט ? צי דו טליעסט אַ בראַנד ?
און די טיר כ'האָב פאַרשלאָסן, פאַרהאַקט און פאַרקלעמט,
און געפאַלן, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט די הענט.

איז די נאַכט געווען פינצטער, אַזוי פינצטער, אַזש בלינד,
און מיין דיל איז געווען אַזוי האַרט, ווי אַ שטיין,
און פון יענער זייט טיר איז געשטאַנען דער מענטש,
און פון יענער זייט טיר כ'האָב דערהערט אַ געוויין.

נאַכט

ס׳איז גוט אַן ליבע, אָן אייפערזוכט, אָן פליכטן
צו גיין ביינאַכט אַליין, די פיס צוויי פייגל שטילע.
די וועלטן בייטן זיך, ווי פלאַמענדיקע שיכטן,
דער הימל איז אַן אָפענע און לויטערע מגילה.

איך גיי און לייען אַ מעשה נאָך אַ מעשה,
און עס גייט אויף, און עס פאַרגייט אַ וועלט,
אַ זיידן העמדעלע — אַט האָבן ברידער פינצטערע און בייזע
פאַרבלוטיקט און אין מאָרד פאַרשטעלט.

די וואָלקנס מישן רוישיק די מגילה־בלעטער,
דער וועג איז ווייס ביים הימל לעם די פיס,
ס׳איז קין אויפגעשטאַנען און דערהרגעט הבלען —
די שאָף איז מילד געבליבן, אין טייך דאָס וואַסער זיס.

איך טרעף אַ דורכגייער. אין פרעמדער גוטער־פריינטשאַפט
דערלאַנגט ער פייער מיר צום פּאַפּיראָס,
איך זע זיין פּנים איז דורכגעברענט פון רעגנס,
די אויגן טיף פון אַ לאַנגאָניקן פאַרדראָס.

מיר בלייבן שטיין, ווי שוועסטער, ברודער,
און ביידע שמייכלען אומבאַשטימט פאַרטראַכט.
די וואָלקנס איבער אונדז מישן רוישיק די בלעטער,
און בלאַט מיט בלאַט פירט אָן אַ שלאַכט.

חד גדיא

איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד
און פֿאַרוואָרפֿן עס צוליב אַ גראַם.
אין ליד איז געווען אַ מעשה
פֿון אַ הויכן, גרויעם מאַן.

ער שטייט פֿאַרטאָג ביי זיין פֿענצטער
און רויכערט אַ ליולקע און ברומט,
ווי אַזוי עס גייט אַ לעבן —
און שלעפּט אַראָפּ צום גרונט.

ווי אַזוי עס שווימט דער הימל
און שווימט קיינמאָל ניט אַוועק,
ווי אַזוי דאָס אייזערנע בעטל
איז מיט טונקעלע שאָטנס פֿאַרדעקט.

און ווי דער גרויער אומעט
האָט זיך אויף די ברעמען געזעצט,
און ווי דער טשאַיניק דער קרומער
זומט אַ ניגון צולעצט.

איז היינט מיט פֿאַרדראָס און צאָרן
געקומען דער הויכער מאַן,
און געפּאָכעט צו מיר מיט זיין ליולקע:
— האָסט פֿאַרוואָרפֿן מיך צוליב אַ גראַם.

האָב איך געקוקט אויפֿן טרויעריקן מענטשן
און באַטראַכט אים פֿון דער נאָנט,
און איך האָב דעם רויך פֿון זיין ליולקע
און זיין גרויעם אומעט דערקאָנט.

דאָס איז ניט קיין רויך פון קיין ליולקע,
נאָר אַ פאַרוויקלטער אייביקער קנויל.
דאָס איז ניט קיין גרויער אומעט,
נאָר אַ וואָרט אויף פאַרשוויגענעם מויל.

און אָטאָ האָסטו אַ חד גדיא —
איך לייען זי מיט זינגענדיקן טראָפּ,
איך אַליין, ווי מיין נאָמען איז קאַדיע,
קוק פון שפּיגל, ווי ער, פונקט אַראָפּ.

אַ ליד וועגן זיך און וועגן רעגן

ס׳איז היינט מיין אַלטער גוטער פריינט, דער רעגן
צו מיר געקומען אויפדאָסניי.
כ׳וועל אויגן צומאַכן, קיין אבר ניט באַוועגן,
ס׳איז אַזוי טרייסטנדיק זיין גוטע פּלאַפּלעריי.
אָט טשאָפּעט ער און פייפט מיט די צעריסענע קאַלאָשן,
מיין גוטער פריינט, דער שטילער רעגן גייט,
ניט איינמאָל שוין האָט ער מיין טרויער אָפּגעלאָשן,
פאַרשמועסט און פאַרפּלאָפּלט און צעווייט.

און היינט האָט ער געזשומעט מיט טראָפּן זיידענעם און ווייכן —
ער האָט פון מבול קוים זיך אָפּגעראַטעוועט אַליין,
דער רעגנבויגן, זאָגט ער, איז שוין ניט מער קיין צייכן,
דער וואָלקן האָט אים צו און לאָזט אים ניט פאַרגיין.
דער אויבערשטער האָט אַלע זיינע צוזאָגן פאַרגעסן —
ס׳איז אויפן הימל אַ יאַריד.
עס האָבן די צדיקים דעם לויתן אויפגעפרעסן
און גאָרניט איז געבליבן פאַר אַן אַלטן ייד.
די צדיקים אין די פאַטערשטולן דרימלען זאַטע,
ביים יידן די נשמה גליט,
ער האָט אַ זמר שוין וועגן אַ נייער לאַטע,
אַ נייער חורבן, אַ נייע ליד.

דער רעגן מורמלט קעלטער אַלץ און בייזער,
שוין נאָענט לעם מיין פּנים, מורמלט נאָכאַנאַנד:
ער האָט געוואַשן דעם כתל אויפן מזרח,
אַ נייער חורבן — אַ נייע וואַנט.
אַזוי דער רעגן פּלאָפּלט, זשומעט, זשומעט,
איך זיץ און הער, און הער, און הער,
ס׳איז לאַנג אַ שטיין געוואָרן שוין מיין אומעט,

כ׳בין בלויז דערוואַרטונג איצט און בלויז געהער.
מיין גוף גייט איין,
כ׳בין דינער ווי אַ ברעטל,
און שרפות לעקן מיך אין סאַמע רעגנדיקער נאַכט.
איז דאָס דיין נס ? איז דאָס דער פייערדיקער זייל ?
ס׳קען זיין פון גרינסטן בוים דער פרישסטער און געבענטשסטער עפּל
אויף מיר וועט פאַלן, ווי עס פאַלט אַ פייל.

גיי ניט אַוועק, מיין גוטער רעגן, איך וויל ניט עפענען די אויגן.
פלאַפּל צו מיר, און לאָמיר אַלטע מעשות איבערדרעשן,
איך וויל ניט זען דעם פאַלשן רעגנבויגן,
גיי ניט אַוועק ביז שפּעט, ביז ס׳וועלן זיך די אומעטן אין מיר פאַרלעשן.

ווער דאַרף זי דאָ איצט ?

פֿאַרטאָג,
ווען די גאַס איז פֿאַרוואָרפֿן, פֿאַרשיט
מיט פּאַפּיר און מיט שטויב און פֿאַרלאָזט ניט באַוואַכט,
וועל איך אַרויסוואַרפֿן מיין לעצטע ליד,
וואָס איך האָב געשריבן אַ גאַנצע נאַכט.

און דער וועכטער וועט קומען פֿאַרקערן די גאַס,
מיטן בעזים אין האַנט — באַלעבאַס ניט געאיילט —
וועט ער שטיין בלייבן מאָדנע פֿאַרוואונדערט, אין כעס
אויף די שורהלעך מיינע, געצירקלט, געפּיילט.

ער וועט ברומען צו זיך, צו זיין בעזים מיט שפּאַס
און צו עפּעס אַ דורכגייער אין פֿאַרטאָגיקער שעה :
— גיב אַ קוק, גוטער ברודער, אָט־אָ־דאָ אויף דער גאַס,
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דודע, וואָס וואַלגערט זיך דאָ ?

וועלןביידע באַטראַכטן מיין ליד מיט אַ וואונק
און אַ זאָג טאָן אַזוי גלאַט, ווי מען שמועסט אין גאַס :
— דאָס האָט איינער אַ מענטש נאָך אַ שנעפּסל, אַ טרונק,
געצירקלט, געגראַמקעט — וואַרף אַריין דאָס אין פּאַס.

און איך וועל פֿונדעסטוועגן אין זעלביקן טאָג
אויף דער זעלביקער גאַס גיין אין אַ גאָלדענער מיץ,
און איך וועל הערן ווי בראָנזוויל לאַכט אָפּ, גיט אַ זאָג :
— גיט אַ קוק אויף דער ליידי, ווער דאַרף זי דאָ איצט ?

די גאָלדענע בלאַט

אַ גאָלדענע בלאַט — אויפֿן ווייסן פּאַפּיר —
אַ ליד פֿון צוזאָג, אַ ליד פֿון טרייסט.
די גאָלדענע בלאַט אויפֿן ווייסן פּאַפּיר,
ווערטער געבענטשטע וואָס האָבן דערלייזט.

פֿון שטורעם,
פֿון אומעט,
פֿון פֿאַרדראָס און פֿאַרראַט.
ווערטער געבענטשטע — די גאָלדענע בלאַט.

נאָר היינט בין איך קראַנק,
אַ שניט אויף אַ שניט,
און ווערטער געבענטשטע,
זיי לינדערן ניט.

האָב איך אַ שטעקן גענומען אין האַנט,
אויף פֿאַרטרייבן דעם אומעט, און פֿאַרטרייבן די הינט,
און בין אַוועק זען די גאָלדענע בלאַט,
וואָס ווערט געשריבן מיט שכינה און טינט.

אַ זאַמד איז דער וועג און די מענטשן געשמדט,
מיט זאַמד מיר די אויגן פֿאַרשאָטן ביז בלינד,
נאָר איך בין געגאַנגען צו דער גאָלדענער בלאַט,
וואָס ווערט געשריבן מיט שכינה און טינט.

די שטערן אין הימל זיינען אַלע אַוועק
צי אפשר אינגאַנצן דאָס קומען פֿאַרזאַמט,
געלאָזן אַליין מיך, אַליין אויפֿן וועג
מיטן עלנט און חושך און שטעקן אין האַנט.

נאָר אַ מענטש כ׳האָב דערזען אין אַ שויב, ווי אַ ראָם,
זיין פּנים פאַרטרויערט, מיט אומעטן זאָט,
אַ ליכט האָט געברענט, אַ דינינקער פלאַם,
דער מענטש האָט געשריבן די גאָלדענע בלאָט.

דאָס הויז האָט געלויכטן און אַפילו דער דאַך,
און אַפילו דער הימל האָט אָן אָפשיין געהאָט,
ווייל עס איז געזעסן אַ מענטש אין דער נאַכט
און האָט געשריבן די גאָלדענע בלאָט.

האָב איך זיך געשטעלט און פאַר אים כ׳האָב געזאָגט:
— איך בין קראַנק, אַ וואונד אויף אַ וואונד, ווי דו ווייסט,
עפן אויף מיר דיין טיר, דער חושך מיך נאָגט,
גיב מיר ברויט און אַ טרייסט.

דער מענטש האָט פאַרלאָשן דעם פלאַם פון זיין ליכט,
און געזאָגט צו מיר פראָסט: גיי צוריק.
איך הער ניט דיין וויינען, איך אַרבעט מיין שיכט,
פון חלומות איך האָב אַ פאַבריק.

די שטערן אין הימל זיינען אַלע אַוועק,
צי אפשר איינגאַנצן דאָס קומען פאַרזאַמט,
געלאָזן אַליין מיך, אַליין אויפן וועג,
מיט עלנט, און חושך, און שטעקן אין האַנט.

1942.

אַ נאַכט פון אַ פּולער לבֿנה

ווער זאָגט — אין די בערג רוישט אַ קוואַל,
וואו די זיסקייט רוט ?
עס קען זיין, אַז דאָס שרייט אַ שאַקאַל,
אַ פאַרבענקטער נאָך בלוט.

אַ נאַכט פון אַ פּולער לבֿנה
האָט פאַר מיר אַזאַ חלום געגרייט.
איך בין קראַנק, און נאָך קראַנקער מיין חלום,
און זייט מוחל פאַר ביטערע רייד.

ווער זאָגט, אַז אַ טרייסטער איז גוט
(מיט ווייסע און גנעדיקע הענט) ?
עס קען זיין, אַז ביי אים אויפן רוקן
אַ שטערן אַ פינצטערער ברענט.

אַ נאַכט פון אַ פּולער לבֿנה
האָט פאַר מיר אַזאַ חלום געגרייט.
איך בין קראַנק, און נאָך קראַנקער מיין חלום,
און זייט מוחל פאַר ביטערע רייד.

ווער זאָגט — אַז גן־עדן איז ליכט
און געלייטערטער געטלעכער שטראָם ?
עס קען זיין אונטער זונען פון שיין
איז אַ טיר דאָרט פאַראַן צו אַ סדום.

אַ נאַכט פון אַ פּולער לבֿנה
האָט פאַר מיר אַזאַ חלום געגרייט.
איך בין קראַנק, און נאָך קראַנקער מיין חלום,
און זייט מוחל פאַר ביטערע רייד.

1942.

די נישט דערציילטע בלאַט

אין אַן אַלט פאַרהייליקטן און קלוגן ספר
פעלט די נישט דערציילטע בלאַט.
ס׳האָט מיר די בלאַט געבראַכט צוטראָגן
אַ ווינטער־נאַכט, אין חודש שבט.

דערזען זי אויסגעשפרייט אין וואָלקן,
געשריבן מיט גרויעם יעראָגליף,
פאַר יעדן האַרץ מיט אומעטן פאַרשאָלטן
איז אָפן דאָס פאַרהוילענע געשריפט :

ס׳איז נאָך געווען אַ באַשאַף, נאָך אַ באַשאַף.
פון תהום איז שרעק אַרויס, און צווייפל, און פאַרראַט.
אויף דעם איז אויך כי טוב פאַרשריבן,
און צוגעדעקט מיט פייגן־בלאַט.

אַרום דעם וואָלקן נייע וואָלקנס,
געטאָפּלט און געכפּלט דאָס געשריפט.
איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און פאַרשאָלטן
דעם אימהדיקן יעראָגליף.

די פרייד פון יעגער,
און דער צאַפּל פון געשאָסענעם פויגל,
און די רויטע שרפה פון בלוט.
אויף דעם איז אויך כי־טוב פאַרשריבן,
און מיר טייטשן עס — ס׳איז גוט.

אויף מיין טיש דער קלוגער ספר איז געלעגן,
אין שוואַרצע טאָוול, מיט חכמה זאַט.
נאָר איך מיט יאָמער האָב געלייענט
די אַלטע, נישט דערציילטע בלאַט.

◆

ס׳איז נאַכט אויף נאַכט געטאָפּלט, גאָט,
ווי קען מען דאָס פאַרטראָגן?
די זון, די שטערן — און דער קוואַל פון זייער ליכט —
אין זיי איז אויך אַ פינצטערקייט פאַרבאָרגן.

דו אייביק ביסט.
ווערסט זען נאָך נייע תקופות, נייע וועלט־געבורטן.
פאַרוואָס איז מיר באַשערט דער טאָג פון ווי און וויסט?
די בייזע נאַכט —
פון הרג און פון פלוכטן?

מיין טאָג איז קורץ, איין אָטעם נאָר,
כ׳בין ווי דאָס פלאַטערל, וואָס שטאַרבט אין איין מעת־לעת,
דאָס פלאַטערל אין לעצטער שעה
זעט כאָטש דעם פלאַם פון דיינע פייערדיקע האָר —
און איך?
איז פינצטערקייט דיין לעצטער נס?

1942.

שיר המעלות

שיר המעלות

מיט נאַכט, מיט ווינט, אָדער מיט שטורעם,
מיט וואָס איך זאָל נישט אָנהייבן מיין ליד —
דער גרעסטער חוזק איז פורעמען אַ פורעם
פאַר אומגעלומפערטן געמיט.

און וואָס איז נאַכט מיט פינצטערער פאַרצוקונג,
און וואָס איז ווינט מיט ביטערקייט פון בליט,
און וואָס איז שטורעם, וואָס פליקט דעם ים פון גרונטן,
אַנטקעגן הילוך פון אַ ייד ?

דאָס היטל דעם טרויער פון די אויגן צו פאַרדעקן
דאָס רעקל אויף ערגערן די ברוינע הינט.
די שיך אַ מדברדיקער פיבער זאָל זיי לעקן,
די שיך — די קלוגע, שלעפערישע שיך.

אַ פאַלן האָט דערוואַכט אין מיר.
איך זע אַפילו נישט דעם גרונט פון תהום,
אויף זיינע הענט דער אויבערשטער ט׳מסתם פאַרהאַלטן מיך,
ווייל ער איז אייביק,
ווי דער גערויש פון אַ פּאָגראָם.

און אפשר וואַכט אין מיר די היץ,
וואָס שוידערט מיך אַ גאַנצע נאַכט,
און אפשר איז דאָס דער לעצטער בליץ,
וואָס האָט פאַרמאָסטן זיך איבער מיין דאַך.

און אויב אַזוי, —
וועל איך נאָך אין די לעצטע ווײַלעס,
ביז וואַנען ס׳איז נאָך וואַך מיין זינען,
וועל איך נאָך זאָגן שיר המעלות
צום ערשטן שטערן
פון מאָרגיקן באַגינען.

און אפשר איז דאָס שוין די שרפה,
וואָס שמעלצט אַראָפּ פון בוים די פרוכטן,
און ס׳וועלן עפּל מער נישט וואַקסן
אויף דעם באָדן דעם פאַרפלוכטן.

און אויב אַזוי —
וועל איך נאָך אין די לעצטע ווײַלעס,
ביז וואַנען כוח ס׳וועט מיין האַרץ געפינען,
וועל איך נאָך זאָגן שיר המעלות
צום שטערן וואָס ברענט אין מיר אַליין,
צום שטערן וואָס ברענט נאָך אין מיין זינען.

1938.

נעילה

מיר זיינען נאָך ניט מיד,
עס זוכן נאָך די פיס אַלץ נייע היימען.
איך ווייס, אַז דאָרן בליט,
איך ווייס, אַז סם איז זיס,
אויף ביידע ווילט זיך מיר ניט וויינען.

מיין גרינסטן בלאַט האָב איך באַהאַלטן אין אַ טיף,
ווייל זון אַפילו קומט איצטער מיט האָגל.
מיין רויטסטן ווייַן מען צאַפּט און מען פאַרגיסט,
נאָר ס'טריקנט ניט מיין דורכגעברענטער לאָגל.

אַזוי דאַרף ריידן איצטער לייב און ליד און העמד,
נאָר איך — מיין האַרץ איז אָפּגערונען,
און אַלע ווערטער קומען איצט פאַרשפּעטיקט און פאַרשעמט.
אַ שטומקייט גייט אויף אונדז — און זאָל די שטומקייט קומען.

פאַר ברויט אַפילו זאָל פאַרגעסן זיין דאָס וואָרט,
פאַר טוי און רעגן זאָל פאַרשווינדן דאָס געבעט —
וועט שטילקייט פינצטערן אויף שאַפּונגען פון גאָט
און הערן וועט מען ביקס און באַיאָנעט.

נאָר פייגל וועלן נאָך נישט אויפגעבן זייער געזאַנג.
נאָר גרילן וועלן נאָך נישט אויפהערן פון תפילה.
נאָר שטערן וועלן ניט פאַרגעסן זייער גאַנג.
אין צייט פון שרעקלעכער, פון פינצטערדיקער נעילה.

1938.

נאַכט פון געוויטער

טרערן מיינע, פאַלגט ניט, פאַלט ניט,
ווען עס טוט דאָס האַרץ אַ צאַפּל.
טרערן מיינע, ליכטיקט אויס די זעאונג
אויף דער הויך פון מיין שוואַרצאַפּל.

מיין היים איז אויסגעברענט,
כ׳האָב מורא טראַכטן, ווער עס איז אין אַש געפאַלן.
און כאָטש די זון איז אָפּגעשוואומען
אין פינצטערקייט איך פיל נאָך הייסע שטראַלן.

טרערן מיינע, פאַלגט ניט, פאַלט ניט,
ווען דער הימל הענגט אין ציטער,
אַלע פייגל ווערן נישט דערוואָרגן
אין אַ נאַכט פון אַ געוויטער.

און אויב די קני וועלן זיך אונטערברעכן,
וועל איך איינשלאָפן אויף הונדערט יאָרן,
און דערנאָך צוריק כ׳וועל קומען
אויף אַ רייטוואָגן צופאָרן.

אין די הענט צוויי שטאַרקע לייצעס
אויפגעדרייט פון ווייסע ליינען,
צו אַ שטוב פון האָלץ און ציגל,
וואו די שויבן וועלן שיינען.

און דערזען אַן ערד אַ גרינע און אַ ווייכע, —
און קידוש מאַכן איבער זון און איבער בייט און איבער שטיין.
מיר וועלן אויפשטיין און דערמאָנען מיט אַ צייכן
די, וואָס זיינען אויפן אַש געפאַלן אין מיין היים.

עס ווען אַנדערש אפשר דעמאָלט בליִען פעלדער
און אַנדערש אפשר וועט מען זען די שטערן.
דער ציטער פון מיין האַרץ וועט זיין דער זעלבער.
דער חלום פון מיין האַרץ ט׳נישט אַנדערש ווערן.

טרערן מיינע, פאַלגט ניט, פאַלט ניט, —
ווען אין האַלדז די פיין איז ביטער.
טרערן מיינע, טאָפּלט מיר די זעאונג —
איצט אין נאַכט פון דעם געוויטער.

1939.

אוי מה טובֿ . . .

מיין גאַנג איז קרום און איז נישט גוט,
כאָטש בלויער טאָג, ווי שטענדיק, האַלט אין קומען.
איך און די נאַכט — מיר האָבן נישט גערוט
פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרטאַיעטע און שטומע.

די אויגן מיינע — טרויעריקער שניט —
כ׳בין הוילער הערץ,
מיין אומגעלומפּערטער געמיט
מיידט אויס דעם ווינט, דעם רעגן און די שטערן.

ס׳איז אַלץ פאַרדאָרבן אין אַ פּרעכן אויסגעמיש,
אין דעם קאַפּויר איז גרויליק ליכט און שאָטן.
דער ווייסער וועג, וואו ס׳איז מיין האַרץ געלאָפן ווי אַ הירש, —
מיט פינצטערקייט פאַרשאָטן.

פאַרוואַרף דעם סמיטשיק און די נאָטן —
און טשאַקע נישט נאָך בראַוואָ, מוזיקאַנט.
מיר וועלן אויסטראַכטן אַן אַנדער ניגון,
אַן אַנדער אָנהויב, אַן אַנדער טריקעניש, אַן אַנדער ים.

איך האָב די פיס געפרעגט, צי ווילן זיי נאָך וואַנדערן אין וואַנדער.
דאָס בלוט — צי וויל עס וואונדיקן אין וואונד.
דאָס האַרץ — צי וויל עס קלעמען נאָכאַנאַנד און נאָך אַן אַנדער,
דעם מוח — צי וויל ער שירה זינגען פאַרן הונט.

נאָר איידער כ׳האָב אַן ענטפער נאָך געקריגן,
ערשט ס׳שטייט לעבן מיין טיר אַ ווייסע בויד:
— איך וועל דיך ערגעץ שוין פאַרהונגערן, פאַרשלעפערן, פאַרוויגן,
פאַרפייניקן, פאַריאָמערן און לאָזן פאַר אַ רויב.

פון צייט צו צייט וועלן קלעזמאָרים שפּילן,
אַ קוילעטש וועט מען טראָגן אינדערהויך.
די פֿייגל וועלן צוויטשערן, די גרילן — גרילן,
די בערד וועלן זיך הייבן: אוי, מה טוב ...

אַזוי האָט מיר די בויד דערציילט,
די רעדער האָבן שוין געציטערט צום געלאַף.
אַ וועק מיך אויף, מיין גאָט, אָ וועק מיך אויף, אָ וועק מיך אויף —
פֿאַרקויף מיך נישט אין חושך פֿאַר אַ שקלאַף.

1939.

באַדעקנס

הימל הויכער,
ס׳מוז דאָך זיין אַ טאָג פון פאַלן,
ס׳מוז דאָך זיין אַ טאָג אַזאַ ביי דיר.
הימל הויכער,
אַלע זיינען מיר שוין בלינד געוואָרן,
בלוטיק איז דער העלסטער שטראַל —
ס׳מוז דאָך זיין אַ טאָג פון פאַלן,
וואַרטן מיר איצט אויף דיין פאַל.

נידעריקער קום,
און הייב אָן דעם באַדעקנס,
סיי ווי האַלטן מיר די לעבנס איינגעקלעמט אין בלייכע הענט,
וואונדערלעך, עס היילט מיין האַרץ די מעשה,
ווי עס שטאַרבט דער שטאַרקער שמשון,
און אויף די פייניקער צעשיטערט ער די ווענט.

הימל גרויער,
דיינע בעטלערישע לאַטעס
קענען ווערן בליי —
הימל גרויער,
אויב עס פעלט דיר שווערקייט
נעם מיין גוף —
אַנטליי.

אַ תפילה

קום, מיין גאָט,
שטעל זיך צווישן מיר און דיין וועלט,
וועסטו זיין מיין באַשיצער.

עס שרעקן מיך די בלוט־רויטע אויגן פון דעם וואָלף,
דער שנאָבל פון טורף,
דער כיטרער עק פון דעם פוקס
און דער טרויער פון מענטשן.
נאָר די זון מאַכט מיך פריילעך
און די קליינע טריטלעך פון קינדער.

קום, מיין גאָט,
שטרעק אויס דיין האַנט איבער אונדז,
אפשר וועט דער וואָלף דערשלונגען ווערן פון זיין שאָטן,
אפשר וועט ביים טורף ווייך ווערן זיין שנאָבל,
אפשר וועט דער פוקס ווערן אַ תם,
און איך וועל זיך אָפּרוען פון מיין טרויער.
צו לאַנג זיינען מיינע יאָרן אויף דער וועלט פון שרעק און ווייטיק.
איך וויל זען אַן אַנדער וועלט,
אפשר רוט דאָרט דאָס האַרץ.

איך בין מיד —
קום, מיין גאָט,
שטעל זיך צווישן מיר און דער וועלט,
וועסטו זיין מיין באַשיצער.

אויף אַ באַרג אַ הויכן

אויף אַ באַרג אַ הויכן,
וואָס ביזן הימל דערגייט,
וואַקסן צוויי גרינעביימער,
די צווייגן אויסגעשפּרייט.

און אויף די גרינע צווייגן,
צוויי פייגל שפּילן געזאַנג,
איין פויגל זינגט באַגינען,
דער צווייטער אין זונפאַרגאַנג.

באַגינען זינגט דער פויגל,
דער יונגער טאָג דערפרייט.
פאַרנאַכט דער צווייטער פויגל
קלאָגט, וואָס די זון פאַרגייט.

און צו דעם באַרג דעם הויכן
פאַרזאָם איך ניט מיין גאַנג,
פאַרליבט איןביידע לידער,
פון באַגינען און פון זון־פאַרגאַנג.

אַ ניגון

די לידער מיינע ווערן גרינגער,
נאָר איך אַליין שוין שווער.
די לידער מיינע ווערן שוואַלבן,
נאָר איך אַליין ווער ערד.

דער ווינט אויף די שויבן,
און איך וועל פאַרגעסן,
אַז איך אַליין ווער ערד.

די לידער גרינען מיט די פרילינגס,
נאָר איך פאַרפריר אין שניי.
די לידער זעען זון פון מאָרגן —
נאָר איך אין חושך שטיי.

דער ווינט אויף די שויבן,
און איך וועל פאַרגעסן,
אַז איך אין חושך שטיי.

די לידער ווערן העלער, קליגער,
פון מיר אַנטלויפט דער שטראַל,
די לידער שלאָגן זיך, ווי קריגער,
איך אַ באַזיגטע פאַל.

דער ווינט אויף די שויבן,
און איך וועל פאַרגעסן,
אַז איך אַ באַזיגטע פאַל.

טויטער שבת

טויטער שבת

עס קומען שאָטנס ביינאַכט צו מיר טויט־שבת ביטן.
די הענט פאַרקלעמט,
אויף רוקנס אויפגעלייגט —
די טמא וועלט ניט אָנרירן,
דעם טויטן שבת היטן,
וואָס האָט די וואָך,
דאָס לעבן,
און אַלע יום־טובן פאַרברענט.

די טירן דרייען זיך אויף שטיל געוואָרענע זאַוויסעס.
דאָס אייזן און דער זשאַווער זיינען גרינג,
אַלץ האָט די וואָג פאַרלאָרן נאָך מיליאָנען מיתות.
אַ טויטער שבת רוט,
און ערשטע אייביקייט ביז לעצטער זינקט.

די שאָטנס שוועבן דורך,
נאָר איינער האָט אַ ווײַלע זיך לעם מיר פאַרהאַלטן.
כ׳בין קליין געוואָרן, נידעריק
און צוגעקלעמט צום שוועבנדיקן ווײַ —
ביסטו, מײַן ברודער, דו?
געזען כ׳האָב רויטע זוימען
אַרום זיינע אויגן־שפאַלטן.
ניטאָ קיין תהום, וואו איך זאָל פאַלן,
באַהאַלטן זיך פון טויטער רו.

ווי גליקלעך כ׳בין אַמאָל געווען,
ווען ס׳איז מיט טרויער פול געווען מיין ברונעם,
און כ׳האָב פון לעבעדיקער נויט
געהערט אַ לעבעדיק געוויין.
ער האָט געוואונדיקט און געהיילט מיין גומען,
מיין חלום און מיין וואָכן טאָג באַגלייט.
דאָס האַרץ האָט ווי געטאָן אויף וואָכעדיקע לאָטעס,
און אויף יום־טובדיקע שקראַבעס.
איצט האָב איך רו.
איצט רוט דער טויטער שבת.

דאָס ברויט אין אויוון איז געבליבן ניט דערבאַקן,
די קינדער ניט דערוואָקסן ביזן אויפגאַנג פון דעם טאָג.
די אַלטע ניט דערזאָגט די וואָכעדיקע מנחה.
אַ טויטער שבת האָט דערשטיקט אַ שטאָט.
שיכעלעך אַ פּאָר האָבן ערגעץ זיך פאַרוואַלגערט,
ביים קינד אין מיטן וויינען האָט מען אָפּגעשניטן דאָס געוויין,
און טירן זיינען געבליבן צעפּראַלטע אָפן,
און שטילקייט האָט זיך אויסגעבעט
אויף ברוק און שטיין.

ווי גליקלעך כ׳בין אַמאָל געווען,
ווען מיינע פיס האָבן געשטרויכלט
אין יידן־האָס, אין דחקות און אין בלאָטע.
כ׳האָב דעמאָלט פון די שטערן מזלות ליכטיקע אַראָפּגעלייענט,
און אַלטער גלויבן —

לויטערער ווי וואַסערן פון ווייסל —
דעם טרויער האָט צעוואָרפן און פאַרווייעט.

איצט איז רו,
און טרערן האָבן ניט אויף וואָס צו פאַלן,
פון שטילקייט כ׳ווער דערשטיקט,
אפילו אין דעם רעש פון טאָג,
אפילו ווען טרומפייטן שאַלן,
איך הער קיין יובל ניט אין זיי,
אפילו ניט קיין קלאָג.
איצט איז רו.
פון שטילקייט כ׳ווער דערשטיקט,
אפילו ווען די פייגל זינגען,
ווען וואונדערלעכע תפילות קוואַקען אויס ביינאַכט די זשאַבעס.
איצט איז רו,
די רו פון טויטן שבת.

דער דודע־שפּילער פון סדום

אין סדום איז אַ דודע־שפּילער געווען.
פון אייביק אָן עד־היום
זיין לייב איז ברען אויף ברען,
אַ וויי דעם דודע־שפּילער פון סדום.

זינגט דער דודע־שפּילער פון סדום:
ווען ס'גייט דער שטערן־געשפּאַן
אויפן הימלשן ראָד —
ווער פאָרט אַזוי הויך?
מסתמא גאָט.
פאַרוואָס בלייבט ער ניט שטיין
איבער שטאָט פון געוויין?
איבער סדום,
וואו איך, דער דודע־שפּילער,
אויף באַרג מיט אַש האָב מיין טראָן.
ער וואָלט דעמאָלט ווי איך,
זיך אַ דודע געמאַכט,
זיבן שפּאָלטן געשניצט —
פאַר ווינד און וויי,
וויי און וואונד,
וואונד און יאָמער.
עס קען ניט איין דודע־קנעכט
אַליין —
אויסטראָגן אַ סדום מיט סדומער.

אַלמעכטיקער גאָט,
ס'איז דם אויף דם
אין דיין סדום.
פאַרוואָס האָסטו מיך אויסדערוויילט

זינגען פאַר דיר דאָס הללויה־ליד,
צו מעריב, ווען די זון פאַרגייט,
צו שחרית, ווען דאָס ליכט קומט אָן ?
סדום קען ניט,
און וויל ניט,
און דאַרף דיין נאָמען ניט הערן.
מיט פייער און רצח,
וואו איך שטיי און איך זעץ זיך —
קריצט מען מיתה ביי מיר אויפן שטערן.
זאָג פאַרוואָס,
אָ, פאַרוואָס בליט דאָ גאָלדענער קאָרן ?
זאָג פאַרוואָס,
אָ, פאַרוואָס איז מיין דודע באַשערט
געשניצט זיין פון פינצטערן דאָרן ?
פון אייביק אָן עד־היום
אָ ווײ דעם דודע־שפּילער פון סדום.

אַלמעכטיקער גאָט,
שווערד אויף שווערד — קלינגט אין סדום,
חטא אויף חטא רוט אין סדום,
מאַכט אויף מאַכט —
און איך מיט דער דודע
אין תפילהדיקער האַנט
אין דעם פיין בעטל ליג אַלע נאַכט.
פון אייביק אָן עד־היום
אָ ווײ דעם דודע־שפּילער פון סדום.

אַלמעכטיקער גאָט,
זאָג אויף וועלכן יסוד
איז דיין רו־פּלאַץ געבויט ?
און וואָס איז רו־פּלאַץ פאַר גאָט,
ווען חידקל און פּרת און די ווייסל —
איז רויט
פון מיין אָפענער וואונד,
פון מיין פיינלעכן טויט,
וואָס איז קיינמאָל נישט טויט ?
פון אייביק אָן עד היום
אָ וויי דעם דודע־שפּילער פון סדום.

דער מלך דוד אַליין איז געבליבן

דאָס פאָלק איז פאַרשניטן —
וואונד און טויט.
די וועגן פאַרשאָטן,
די הייזער פאַרברענט.
דער מלך דוד אַליין איז געבליבן,
ער מיט דער קרוין אין די הענט.

געשטאָרבן דער שאָל פון דעם האָרן.
דער לעצטער שטאָפעט איז געפאַלן —
וואונד און טויט.
עס רייסן קריעה אין הימל
פאַרשרפעטע, חרובע ווענט.
דער מלך דוד אַליין איז געבליבן,
ער מיט דער קרוין אין די הענט.

עס הוילט דער ווינט אין צעשאָטענע נעסטן —
וואונד און טויט.
די לאָנקעס די גרינע פון קינדהייט,
די טשערעדע שאָף — איז פאַרלענדט.
דער מלך דוד אַליין איז געבליבן,
ער מיט דער קרוין אין די הענט.

דאָס לאַנד איז צעמאָסטן אויף קברים —
וואונד און טויט.
אַ וועג אַן איינציקער גרינט און איז פריש.
דער וועג צו זיין זון דעם משיח,
וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרטרוימט און צעשמט.
אַהין גייט דער אָבל, דער מלך,
ער מיט דער קרוין אין די הענט.

ער טראָגט די פֿאַרהייליקטע ירושה —
וואונד און טויט.
— אָט איז דיין כתר, משיח,
אַלע פּערל געשוינט, ניט פֿאַרשווענדט.
אָט איז דיין כתר, משיח,
אויף די לעצטע צוויי יידישע הענט.

אַ קרובֿ

אַ שטורעם האָט אַ יונגן בוים
אויסגעוואָרצלט ביזן דינסטן פֿאָדעם,
עס ליגט דער שטאָלצער בלעטערוואוקס און קרוין
איינגעזונקען אויפֿן באָדן.

איך קום אָפּט און זעץ זיך לעם דעם שטאַם.
איך פֿיל זיך מיטן בוים געפֿאַלענעם אַ נאָענטער קרובֿ.
די ניט־דערבליטע קנאָספּן פֿוילן אויפֿן זאַמד.
די אָבלדיקע וואָרצלען טונקלען חרבֿ.
אַ קאַץ אויף ווייכן בלעטערבעט פֿאַרגעניגנט זיך אין זון.
ס'שפּרינגט דורך אַ הונט אין האַסטיקן געיעג זיך פֿאָרן.
עס גוססן די צווייגן איינגעבראָכן לאָם און קרום,
און ס'קיניגט איבער זיי אַ קליינער, שטעכעדיקער דאָרן.

הבדלה

גאָט פון אַברהם,
באַשאַף אונדז אַ צווייטן בראשית.
מעג קיין זון דאָרט ניט שײַנען —
דאָס ליכט האָט אונדז סיװוי פאַרראָטן.
מעג דער ווינט דאָרט ניט זינגען —
ער האָט מיט די דײַטשן צוזאַמען געטריבן
אונדזער פאָלק צו די שחיטה־ווארשטאַטן.
מעג קיין ים דאָרט ניט רוישן קיין גרינער —
ער האָט געזונקען די שיפן — די שפּענדלעך
מיט אונדזערע לעצטע אַנטרינער.
מעגן בערג דאָרט ניט רײַסן צום הימל די שפּיצן —
זיי האָבן דעם וועג ניט פאַרצאַמט פאַר די רוצחים,
אַ פּיצעלע קינד צו באַשיצן.
מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער שײנקייט.
מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער גבורה.
מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער שירה.
מעג איינשטיין קיין יורש ניט לאָזן.
מיר זײַנען אין חרם צוזאַמען
מיטן געטלעכן תמים שפּינאָזע.

באַשאַף אונדז אַ וועלט מיט אַ פּאַסיקל הימל,
און איין מאָל אַ יאָר זאָל אַ שטערן דאָרט שײַנען,
און מאַכן הבדלה, און געטלעך פאַרטײַטשן:
ס׳איז אַ צווייטער בראשית,
אויסער וועלט פון די דײַטשן,
אויסער חכמת־הדמים.
און עס וועלן די קינדער אונטער פּאַסיקל הימל
ענטפערן: אָמן ואָמן.

דער פּאַסטעך פון גשן

נאָכאַמאָל דאָס זעלבע:
אַ חורבן,
אַ פּלאָג.
דער גאָלדענער האָן אויפן הימל
שרייט אויס — עס איז טאָג!

ער צעשפּרייט זיינע פליגל
איבער טאָל,
איבער היגל,
איבער זשוק,
איבער זשאַבע אין שטילסטן טשעראַט.
נאָר ניט איבער אונדז —
דאָס אויסדערוויילט שפּיל־קינד
אין טעאַטער פון גאָט.

ביז היינט נאָך זשאַריעט
אין פאָרכט און אין גליען
אַ וויטער פרימאָרגן.
עס טויכט דער הר־סיני
אין וואָלקן,
אין רויך
און אין בליצן פאַרבאָרגן.
עס ציטערן בערג.
די הימלען רוישן.
ביי אַ שרייב־טיש אין פלאַמיקע רוימען
זיצט גאָט ברוך הוא
און אַ פּאַסטאַך פון גשן.

קוקט גאָט ברוך הוא אויף זיין וועלט מיט גענאַד:
פאַרשרייב, פּאַסטאַך געטרייער,
איך בין גאָט אייער גאָט.

אַזוי איז אויף קריץ־שטיין געוואָרן פֿאַרשריבן
דער ערשטער געבאָט —
מיט דער האַנט פֿון אַ יידן.

אויף זיין וועלט גאָט ברוך הוא
אַ פֿאַראומערטער בליקט:
די שלאַנג דערשטיקט.
דער וואָלף פֿאַרצוקט.
דער אָדלער טרינקט הייסן בלוט.

זאָגט גאָט ברוך הוא:
עס איז שלעכט מיין באַשאַף.
רצח על רצח —
דער צווייטער פּאַראַגראַף.

האָט דער פּאַסטאַך פֿון גשן אויף די פֿיס זיך געשטעלט,
עס האָבן די פֿעלדזן גענומען זיך שפּאַלטן.
ער האָט מיט גאָט ברוך הוא —
אַ וויכוח געהאַלטן.

גאָט ברוך הוא,
זע די עדה פֿון אונטן.
אַנטלאָפֿן פֿון קנעכטשאַפֿט
מיט אָפֿענע וואונדן.
אין מדבריות געלייטערט
פֿון רעכט אַ געבאָט.
ער איז שטאַרקער פֿון קיזל,
קען פֿעלדזן צערייבן.
פֿון אייביק ביז אייביק —
לא תרצח זאָל בלייבן.

דער וואָלף איז אַ טמא,
אַ חרפּה פֿאַר לײַטן.
איך, דער פּאַסטאַך פֿון גשן,
וועל פֿירן די שטרײַטן.

אַזוי איז אויף קריץ־שטײַן געוואָרן פֿאַרשריבן
געבאָט נאָך געבאָט
מיט דער האַנט פֿון אַ ייִדן.

בראַנדיקע חוקים,
ווי שטערן־געוויטער,
אַ גאָט ווערט געבאָרן,
וואו עס פֿאַלט נאָר אַ שפּליטער.

דער כּתב איז פֿאַרענדיקט.
גאָט ברוך הוא זאָגט : גוט.
אויף אַלע יסודות
אַן אימה רוט.
דער הימל איז צונטער.
דער פּאַסטאַך פֿון גשן —
נידערט אַרונטער.

פֿון אונטן דאָס פֿאָלק
צעוואָלגערט ווי זאַמד.
ניט געדעקט מיט קיין דאַך,
ניט געשיצט מיט קיין וואַנט.
ווי דער שטויב פֿון דעם מדבר
צעוואָרפֿן, צעזייט.
דער טלית פֿון וואָלקן
זײַן הייליק קלייד.

עס רוט איבער אים
פון שכינה דער פלאַם.
זיין בידנע חיונה —
דער נס פון דעם מן.
עס איז קיין וואַסער נישטאָ —
נאָגן ליפּן אַ שטיין.
עס איז קיין קברים נישטאָ —
איז אין וואָלקן פאַרגיין.
עס צעפאַלן זיך בערג.
ערד און ימים זיך טוישן.
עס פירט די עדה צום סיני
דער פאַסטעך פון גשן.

האָט גאָט ברוך הוא די עדה געזען,
געזאָגט: גוט.
מיין העכסטער באַשאַף —
דורך ענויים און שפּאָט.
זיי מיין שפּיל־קינד, ישראל,
האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט,
זיי מיין אויסדערוויילט שפּיל־קינד
אין טעאַטער פון גאָט.

דער ווינטערדיקער בוים

דער ווינטערדיקער בוים אַנטקעגן שויב,
אויף שטאָטישער גאַס אַ פאַרפלאָנצטער,
זיין גרין איז נישט גרין,
און זיין בליאונג גרויט,
און אָט פאַרהייבט ער די צווייגן, אָט טאַנצט ער.
ס׳איז אפשר קיין בוים ניט —
אַ חלום נאָר,
אַ געוויין נאָך אַ זאַפטיקער גרינקייט,
איך אַליין,
און מיין וואָר,
וואָס צערינט, שווימט אַוועק
און צוגייט אין אַ רויכיקער דינקייט.
נישט אומזיסט —
איז מיין איינציקער פריינט,
מיין פאַרטרויטער און שטענדיקער חבר, —
די לאָמפּ וואָס כ׳צינד אָן,
און מיין טישל באַשיינט,
און מיין פּען אַ פאַרדעקטע מיט זשאַווער.
ערגעץ טיף —
אויפן גרונט, וואָס איך קען ניט דערזען,
ווייבט אַ פּנים, אַן אַנגסטיק פאַרקרימטער.
זיין געוויין דעקט אַריבער דעם שיין פון מיין לאָמפּ,
און איך זיץ סיי ווי סיי אין דער פינצטער.

עס קומען ניט מער קיין בריוו

עס קומען ניט מער קיין בריוו,
קיין וואָרט,
קיין גערים —
ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן.
די שטילקייט ווערט הוילער,
און קלערער,
און וויסט —
פאַר דעם וואונדיקן פרעגער.

אין די אויגן ניטאָ קיין געוויין.
אַלע גלידער פאַרקלעמט.
עס ליגן שערבלעך פון אומגליק
ביי מיר אין די הענט.

איך וויל דערפילן אַ כוח פון לעבן,
אַ געשריי,
אַ געוויין איך וויל דערהערן.
אַ שטיקל פייער אין הימל
וויקלט אויס זיך אין גאָרניט —
אין רויך.
אָט אַזוי־אָ מסתמא
ביי גאָט אין דער הויך —
וויקלט אויס זיך אַ יידישער שטערן.

1945.

אַ תפילה

איך שטיי אויף אין פאַרטאָג און מיין תפילה —
איז סם.
איך בעט, אַז דער מבול זאָל נאָכאַמאָל קומען.
ער זאָל אויפהייבן העכער פון טורעמס און דעכער
די פלייצונג פון ים.
עס זאָל די תבה פון רעטונג ניט שווימען.

אוי וויי, ווי ס׳וועט גוט זיין די קאַלטע באַרירונג
פון טויט.
זי וועט אויסלעשן אפשר דעם ווייטיק וואָס קרענקט
אין די גלידער,
די פאַרוויסטונג פון האַרץ און די חרפה פון קייען
דאָס ברויט
לעם דעם אַש־באַרג פון שוועסטער און ברידער.

אוי וויי, ווי ס׳וועט גוט זיין באַרירן די וואָלקנס
אין פאַרלענדטן געשווים.
כ׳וועל דאָרט אפשר די זיסקייט די לעצטע דערפילן —
פון צעפלויגענעם אַש פון די גופים דערהערן
אַ שטים,
און פאַרשליסן פון לעבן דעם קרייז, און די וואונדיקע פיין
וועל איך שטילן.

1945.

פאַפּירענע בריק

אַ ליד צו דער פאַפּירענער בריק

פיר מיך, פאַפּירענע בריק, אין דיין לאַנד,
וואָס איז ווייס, וואָס איז מילד און לאַנגאָניק.
איך בין מיד פון דעם מדבר, וואו עס ליגט שוין דער מן
פון ברויט און פון מילך און פון האָניק.

ס׳האָט דאָס פשוטע פאָלק, מיט די ערדענע קריג,
מיט קינדער, מיט רינדער, מיט טרערן,
אַ שטאַרקע געבויט די פאַפּירענע בריק,
מען זאָל זי ניט קענען צעשטערן.

געבויט און געצירט מיט פליגלען אַ סך,
צום הימל פאַרטשעפּעט אַ טרעפּל.
די בריק כ׳האָב געזען דורך אַ פליגל פון דאַך,
דורך סכך און דורך האַרבסטיקע עפּל.

כ׳האָב איר פלאַטער געהערט און איר רויש און איר שאָרך
אין דער ווייכקייט פון מענטעלעך סאַמעט,
און איר קול איך האָב דערקאַנט אין דעם טייטש פון אַ וואָרט
פון אַ שטעטלשן אַלטן מלמד.

מיין האַרץ האָט געקלעמט אויפן בראָך אין זיין שטים,
אויפן ציטער פון פאַרטאַיעטן חלום,
ער אַליין האָט געשפּאַנט אויף דער פאַפּירענער בריק
און איז איבערגעגאַנגען בשלום.

ס׳האָט נאָך קיינמאָל קיין אָפּרו מיין האַרץ ניט געהאַט,
ווען אַפילו עס האָבן געטאַנצט מיינע טריט.
עס קען זיין, אַז דער סנה האָט געברענט — אפשר יע,
נאָר עס ווערט ניט געזאָגט, אַז דער סנה האָט געבליט.

כ׳האָב שוין וואונדער געזען אַ סך אונטער זון:
ווי אַ בעכער פון בלום — ווערט אַ תהום.
כ׳האָב שוין וואונדער געזען אַ סך אומעטום:
ווי ליכטיקע שטעט ווערן — סדום.

פיר מיך, פאַפירענע בריק, אין דיין לאַנד,
וואָס מיר האָבן געבויט מיט ערלעכע הענט,
אין שיין פון דער נויט און אין ריינקייט פון האַרץ,
קיין מענטש ניט געמאַטערט, קיין קינד ניט פאַרשעמט.

דאָרט בליט נאָך אַביימל,
דאָרט קרייט נאָך אַ האָן,
און דער ליכטיקער שחר
באַגינען זאָגט אָן.

1942.

מיינע קינדער

כ׳האָב היינט געזען דורך נעפּל פון אַ פאַלנדיקן שניי
די קינדער מיינע — צוויי און צוויי.

זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט קינדער מיינע
מיך פאַרן קלייד געצויגן מיט אַ טענה:
— שפּיל זיך מיט אונדז. מיר אין קאַראַהאָד
און דו אין מיטן,
און זאָג פאַרוואָס האָסטו פון אונדז די לעבעדיקע וועלט פאַרמיטן?

כ׳האָב זיי געגעבן קיכעלעך און יעדערן געהייסן: עס.
און כ׳האָב פאַרענטפערט זיך, אַז כ׳האָב פאַרלאָרן זייער אַדרעס.
פיר זיינען זיי געווען. דאָס יינגסטע מיידעלע — אַ פּיצל.
זי האָט די הערעלעך געקעמט, און אָנגעטאָן אַ פּורים־מיצל.
זיי האָבן מיט די הענט געפּאַטשט, געטאַנצט, אַרומגעלאָפן,
צעפרידענע, וואָס ס׳האָט דער חלום אונדז צונויפגעטראָפן.

דער עלטסטער זון מיינער האָט פּלוצלינג
אָנגעהויבן ריידן מיט אַ שטורעם.
— כ׳בין גאָרניט איצט. כ׳בין ניט געווען, און וועל ניט זיין.
כ׳וויס ניט דעם טעם פון גליק און פון יסורים.
איך גיי אַמאָל אַראָפּ אויף פרעמדע וועלטן,
איך הער דעם רויש פון זיי און הער אַמאָל
דעם אָפּהילך פון דיין שטימע.
פאַרוואָס האָסטו מיין חלק דעם באַשערטן, דעם באַשטעלטן
נישט אָפּגעגעבן מיר —
אין אייער וועלט פון טרערן און נגינה?
איך זע אַמאָל ווי ס׳פלאַטערט דורך פאַר מיר
מיין רעיון וואָס איז נישט געבאָרן,
ער צאַפּלט זיך צווישן אַלע הימלען.
וואָס טויגן דיינע לידער, די ניגונים און די כאָרן?

אַז הינטער זיי נשמות אונדזערע פֿאַרוועלקטע ווימלען ?
ביסט נישט דער לעצטער צוועק,
ביסט נישט קיין אָנהייב און ביסט נישט דער לעצטער מיין,
פֿאַרוואָס זאָל איך אָט דאָ אין גזר פֿון אָפּגעשטעלטע וועלטן זיין ?
עס גליען אין מיר פֿייערן, נאָך נישט געצונדענע אפֿילו,
עס וויינען אין מיר צערן אָן אַ תּפֿילה,
עס רופֿן מיך פֿון נישט דערקענטע געגנט די שוועלן.
פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַראורטיילט מיך אָט דאָ אין כּף־הקלע ?

עס האָבן זיינע רייד דעם שניי געצונדן און דערוואַרעמט
און מיינע אויגן זיינען פֿול געווען מיט טרערן.
עס האָט מיין ייִנגסטע טאָכטער זיך אויף מיר דערבאַרעמט,
צו מיינע קני זיך צוגעטוליעט מיטן שטערן.

— מיך אַרט ניט, — האָט זי געזאָגט,
און כ׳האָב דערקענט אויף איר מיין שמייכל. —
— איך בענק ניט נאָך דער וועלט,
און כ׳בין דאָס גאַנצע גליק דיר מוחל.
כ׳וואָלט אויך מסתּמא אַזאַ שלאָק ווי דו געווען,
מיט אַלעמען געקריגט זיך און געברוגזט זיך אויף יאָרן.
און וואָס איז דאָ דער מאכל שטענדיק סקריפּעט מיט דער פּען ?
און ס׳אַרט מיך ניט וואָס איך בין ניט געבאָרן. —
כ׳האָב זי געוואָלט אַ קוש טאָן, נאָר אין מיינע הענט
האָב איך געהאַלטן נאָר אַ קאַלטן שניי, וואָס איז צערונען.
כ׳האָב זי געוואָלט אַרומנעמען לעם מיינע קני,
נאָר כ׳האָב איר קליינעם קעפּל נישט געפֿונען.

געדיכטער איז געוואָרן דער נעפּל פֿון דעם פֿאַלנדיקן שניי.
מיינע קינדער זיינען פֿאַרשוואונדן אין דעם נעפּל דעם גרויעם.

כ׳האָב נאָר געהערט די טריטלעך זייערע,
ווי גלעקלעך אין אַ ווינטיקן געדריי,
און איך הער זיי איצט ביינאַכט אין שטילע שעהן.

אַ טרייסט

דער ווינטערדיקער וואַלד ווערט פול מיט טרייסט,
ווען סע הייבט אַ גרעזל אָן אין מיטן ווינטער גרינען,
און אַלץ אַרום, כאָטש גרוי און קאַלט און טויט —
איז טיף פאַרגאַפט און פילט אין דעם אַ זינען.
— צי איז עס אמת, אַז אַ גרעזל גרינט?
צי איז דאָס אמת, אַז דורך טויטלעך בייזער קעלט
האָט זיך זיין קעפל דורכגעשנעלט?
און ס׳וועקט זיך אויף אַ בוים, רייסט דורך די שטילקייט,
און ענטפערט אָפּ דעם הימל מיט אַן איינגעליבטער מילדקייט.

— יע, יע, עס גרינט.
איך פיל ווי מיינע צווייגן ווערן לינד.

אַ וועוועריק האָט דערהערט די שושקעריי.
אָט איז ער דאָ. אָט שפּרינגט ער איינס און צוויי און דריי,
מיט אויערלעך אַ צי,
מיט פוכיקייט פון עק אַ פליטער.

— צי איז דאָס אמת, אַז אַ גרעזל גרינט?
אין מיין באַהעלטעניש איז אַזוי קאַלט און ביטער.

ס׳האָט אים אַ שנעבעלע געענטפערט מיט אַ פּיק,
און פון פאַרבאָרגעניש אַ פּיפּס געטאָן: טשיריק.
אַ צווייטער פויגל האָט געענטפערט: טרי־לי־לי.

— יע, יע, עס גרינט.
אין מיינע פליגל פיל איך שוין דעם פלי.

דער וואַלד ווערט וואַך.
דער וואַלד ווערט וואַך.
עס מורמלט זיך. עס שושקעט זיך,
און לעבעדיק ווערט יעדע זאַך.

אַ גרעזל גרינט, —
אַזוי דערציילט דער ווינט.
— דער ווערוויק איז דאָ אויך געווען.
— אין שניי זיינען פאַראַן שוין טריט.
אַ פויגל ערגעץ, זאָגט מען, פליט.

און צווייגן האָבן זיך אַ וויג געטאָן.
אַ העזל מיט קאָסאָקע אויגעלעך
ט׳געטאָן אַ זשמורע:
יע, יע, עס גרינט.

ס׳וואַכט אויף דער וואַלד
און וואַרט מיט ציטערניש אויף אָפּהילך פון דער בשורה.

דער ים רוישט

עס איז אַלץ פֿאַרשוואונדן, פֿאַרברענט, פֿאַרשעמט.
עס איז אַנטלאָפֿן אפילו די בענקשאַפֿט נאָך גליק.
כ׳דערהער ביינאַכט, ווי ס׳רוישט דער ים,
אַנטלויפֿט און קומט צוריק —
עס איז גאָטס בעכער אייביק שוימענדיקער ווייַן,
און ברענגט אַ טרייסט צו מיר און וויגט מיך איין.

אין טעג פֿון ווערימדיקער גויט,
ווען מענטש דערקאָנט ניט מענטש,
און פֿריינט דערקאָנט ניט פֿריינט.
און די לבֿנה איז אַ זילבער־טאָלער־שטיק,
עס גנבֿעט זי אַ שווינדלער און אַ טליק —
כ׳דערהער ביינאַכט, ווי ס׳רוישט דער ים,
אַ כוואַליע דורך אַ כוואַליע זינגט.
ס׳איז גאָטס קאַפּעליע אין איר אייביקן רעפֿריין,
און ברענגט אַ טרייסט צו מיר און שטילט מיך איין.

אין צייט פֿון חוזק־שפּאָט,
ווען דייטש — איז מענטש, און מענטש — איז דייטש,
אַלע בלומענבייטן זייַנען רינשטאָקן מיט מיסט,
אַלץ וואָס כ׳האָב איז גאָרניט־ניט,
אַלץ וואָס איך זע איז חלל־וויסט —
כ׳דערהער ביינאַכט ווי ס׳ברומט דער ים
ס׳איז גאָטס אַלמעכטיקער באַפֿעל — „זאָל זיין" —
ס׳איז גאָטס אַ טאַנץ אין שטורעם־שוואונג,
און רייסט די ערד מיט שוימיק־שרייענדיקער צונג,
און ברענגט אַ טרייסט צו מיר און דעקט מיך איין.

1943.

אין וואַלד

אין דער הויך זייגען נאָענט די קרוינעז,
די שטאַמען — יעדערער אַליין — פאַרגאַפט.
אין דער הויך האַלדזן זיך די קרוינען
אין ד׳רערד די בלינדע וואָרצלען שלאָגן זיך פאַר זאַפט.

אין דער הויך — באָדן זיך אין זון די קרוינען,
דער שאָטן אויף די שטאַמען פאַלט.
אין דער הויך זינגען פייגל אין די קרוינען,
אין ד׳רערד די בלינדע פינגער גרונטעוועז דעם וואַלד.

אין דער הויך שפילן זיך מיט ווינט די קרוינען,
די שטאַמען ברעכן איבער דעם געברום.
אין דער הויך — מיטן הימל שמועסן די קרוינען,
אין ד׳רערד די בלינדע וואָרצלען שווייגן שטום.

אַ ליד צו אַ פּאַפּיראָס

ווען אַלע זיינען שוין אַוועק —
געבליבן זיינען קאַלטע טריט און דעמער פון פּאַרדראָס.
טאָ לאָמיר כאַטש דערווייל — כל זמן נאָך פייער גליט —
פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

ס׳האָט איינער אומגעקוקט זיך און געמאָנט:
— כ׳האָב דיר געזאָגט אַ גוטע נאַכט — איך צי צוריק . . .
גיס אויס דעם לעצטן טראָפּן פון דעם כוס.
טאָ לאָמיר כאַטש דערווייל — כל זמן נאָך פייער גליט —
פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

אויף מיינע ווענט געלאָזן חובות שטר אויף שטר,
זיי מאָנען זשאַווערדיקע פען, און הענט, און פיס,
און לעצטן אָטעם, לעצטן צער . . .
כ׳וועל זיך ניט חשבונען איצט, ניין, ס׳איז דעמער איצט,
ס׳איז טויזנט מאָל פאַרוועלקטע גראָז.
טאָ לאָמיר כאַטש דערווייל — כל זמן אַ פונק נאָך בליצט —
פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

כ׳בין שולדיק אפשר מער, ווי איך פאַרמאָג.
די ערד, וואָס כ׳שטיי אויף איר, האָט מען מיר אויסגעבאָרגט.
ס׳האָט איינער מיך באַגעגנט ביי דער שיף,
אַ צווייטער — צוגעשיקט אַ ליבן בריוו.
געוואַרעמט זיך אַמאָל אונטער אַ לאָמפּ ביי פריינט,
די שיך פאַרבונדן אונטער פרעמדער שיין . . .

אין אויוון פלעמלט נאָך אַ שטיקל קויל,
ס׳איז אויסלעשונג, ס׳איז רויטלעך־גרויער ראָסט . . .
טאָ לאָמיר כאַטש דערווייל — כל זמן דער אַש איז רויט —
פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

אָט שטייט אַ שטול — וועל איך זיך צוזעצן אַ ווײַלע,
ס'איז שווער די לאַסט, און שווער דער אָטעם־צי,
די מידקייט נויגט מײַן קאָפּ, ער פֿאַלט ממילא
זיך אָנלענען און רוען אויף די קני.
אַן אַלטע פֿילאָזאָפֿיע קומט צוקריכן,
פֿאַרלאַטעט אַלע לעכער, דאָס און דאָס,
פֿאַר לאַטעס אויך אַ דאַנק. דער ווינט זאָל ניט פֿאַרצוקן,
ניט אויסלעשן דעם בלײַכן שטראַל פֿון פּאַפּיראָס.

די קליינע פוקסעלעך — שועלים קטנים

עס האָבן זיך פאַרנאַדעט אין מיין ווייַנגאָרטן, מיין כרם,
די קליינע פוקסעלעך, שועלים קטנים,
און פילן אָן בייַנאַכט מיין שטוב מיט רויטן שיין.
זיי טראָגן אין די פיסקעלעך לויכטנדיקע גראַמען
די קליינע פוקסעלעך — שועלים קטנים,
און שטעלן זיי אין ליד צו מיר אַריין.

געוויס, זיי זייַנען קלייניקע מחבלים,
פאַרצייטן אין די ווייַנגערטנער דעם צוויט געביסן,
מען האָט אין שיר־השירים זיי דערפאַר מיט רעכט געשמיסן,
מען וועט נאָך זיי מיט פסוקים און מיט דרשות טאַדלען.

נאָר ס'האָט די שענסטע פון די דאַמעס,
די וואונדערלעכע פיטערין שולמית,
מיט הייסער סטראָפע זיי אַ ריר געטאָן
און האָט די קלייניקע מחבלים — די שועלים קטנים
אין תנ"ך באַזעצט אויף אייביק אויבן אָן.
אין נאָבעלער אכסניה פון די ספרים
זייַנען זיי גוט און פרום געוואָרן,
און נוצן די געוואוינהייט פון די רויבערשע שפּאַצירן
אין נעכט־אין פינצטערע פּאָעטן צו פאַרפירן.
כ'בין שטאָלץ — זיי האָבן זיך פאַרנאַדעט אין מיין ווייַנגאָרטן, מיין כרם,
דעם אָרעמען, אָן צאַם, אָן שוץ, דעם נאַקעטן אָרום,
און ברענגען מיר אין מיטן נאַכט, אין חושך און אין חרם
אַ טראָפּן וויין, אַ שטראַל פון העלער זון.

אויב ס'וויל אַ שלעכטע האַנט דעם וועג זיי צאַמען,
די קליינע פוקסעלעך — שועלים קטנים,
וואָס פילן אָן בייַנאַכט מיין שטוב מיט רויטן שיין,
די שלעכטע האַנט ט'ניט קענען זייער קומען שטערן,
זיי האָבן זיך באַהאָפטן מיט מיין ווייַנגאָרטן, מיין כרם,
און וועלן ברענגען מיר נאָך לאָגלען פרישן וויין.

אַנגסט

מיין ציטעריקע פּען,
און פֿאַרגליווערטע האַנט,
און אַ שטיקל פּאַפּיר,
און אַ ליכטל, וואָס פֿלאַמט,
און אַ שאָטן, וואָס וואַלקנט
אַריבער מיין וואַנט.
ס׳איז אַ קרייז, און דער קרייז איז פֿאַרענדיקט.
נאָר אין תהום,
וואו איך זיץ,
ציטערט דורך,
ווי אַ בליץ,
אַ געשטאַלט, וואָס זי קלעמט אין מיר שטענדיק.
און אַנגסט,
ווי אַ טוך גיט אַ פֿלאַטער אויף מיר,
פֿאַרדעקט מיר דעם קאָפּ,
און דאָס שטיקל פּאַפּיר,
און פֿון לעבן דעם וויין,
און דאָס פֿלעמל פֿון ליכט,
און דעם אומגליק פֿון שיין.
אין דער פֿינצטער מיין טיש —
אַהין און צוריק,
ווי אַ שיכורער וויגט זיך
אַ וויג נאָך אַ וויג.
יעדעס ברעטל באַזונדער
צעשפּענדלט, צעשפּליט.
עס איז צום לאַכן געוויס,
וואָס איך זיץ דאָ אָט איצט,
און איך מיין, אַז איך שרייב,
און איך מיין, ס׳איז אַ ליד.

דאָנאַ גראַציאַ מענדעס

װען מידער מענטש און בוים און פויגל שלאָפֿן,
זײַנען די טירן מײַנע צעפּראַלטע אָפֿן,
זײַנען די שויבן בלאַנקער שײַן,
װאָס שרײַען פֿײַערדיק אין נאַכט אַרײַן.
איך װײס ניט, אויב ס׳איז דאָ געהער אין טויבער נאַכט,
איך װײס ניט, צי פֿון טויבער נאַכט װעט ענטפֿער קומען —
נאָר ס׳װערט מײַן שטוב באַפֿעלקערט, אויפֿדערװאַכט,
מײַן שטוב װערט פֿול מיט פֿלאַטערונג און ברומען.
די ברעטער אינעם דיל צעװיגטע סקריפּען,
און ס׳װײנט דורך זיי דער דעמב, די ברעזע און די ליפּע.
אין שויב אַ שטערן איבער מײַן געזיכט,
צינדט אָן זיך װי אַן אַבלדיקע ליכט.
װאָס איז דער אָנקום דאָ ? װאָס איז דער רויש ? איך פֿרעג,
און ס׳ענטפֿערט ברומעניש, אַ כריפּענדיקע זעג.

— „ס׳איז ענג די װעלט פֿאַר אונדז, די ערד אין טיף איז ענג,
עס ברענט דײַן שויב אין נאַכט, איז דאָ אונדזער געדרענג.
אַלץ שטאַרבט, אַמאָל דורך פּײַן, אַמאָל דורך טרערן,
נאָר שנאה שטאַרבט ניט, נײַן, קען נים פֿאַרלאָשן װערן״.

עס כריפּעט אָפּ די זעג, מײַן שטוב װערט שטום,
נאָר ס׳עטעמט הײזעריק די נאַכט אַרום,
אַ צאַפּלעניש פֿון װיי,
לשונות כלערליי,
דיבורים פֿון דער נאַכט — דאָס איז געװײן,
צי אפֿשר מײַנע טריט װאָס כ׳הער אַליין.
ס׳װערט פֿול די שטוב מיט זיי — איך האָב ניט װאו אַ טראָט צו שטעלן,
עס פֿלאַמען העליש אַלע מײַנע שװעלן.
װאו אײנמאָל נאָר מײַן פֿוס געװען
איז װאונד און אײטערונג און װיסטער ברען.
איך זאָג צום שטערן: אויב דו ביסט מײַן אַבלדיקע ליכט,

טאָ נידער און פאַרדעק שוין מיין געזיכט.
ווי לאַנג דער שיעור אין שרעק צו וואַכן ?
ווי לאַנג מיין אויסיאָמער אין טויזנט שפּראַכן ?
איז דאָס מיין לעצט געפעכט ? מיין לעצטע שמאַכיקע פאַרטיידונג ?

דער שטערן ברענט, ס׳רוישט דורך מיין שטוב אַ סאַמעטענע קליידונג,
אַן אויסגעשטרעקטע, בלייכע האַנט,
אַ רונג, אַ פלאַמיקער בריליאַנט,
אַ קול אין ציטער :

— זיי צוגעוואוינט צום נאַכטיקן געוויטער !
איך בין דיין גאַסט אַצינד, געדענק עס און פאַרוועגד עס,
כ׳בין אַלץ נאָך נע־ונד, כ׳בין דאָנאַ גראַציאַ מענדעס.
אַ לעבן לאַנג באַהאַלטן און געהיט מיין גאָט,
פון לאַנד צו לאַנד, פון נע־ונד צו נע־ונד.
ווי פייגל אונטער פייער, שאַיאָרעס אין געיעג,
געלאָפן זיינען יידן אין בראָך פון נעכט און טעג.
און יעדער וועג וואָס ט׳איינגעזאַפּט אונדזער געוויין,
אויף אייביק איז געוואָרן געטלעך־קראַנק אַליין.
אין טריט פאַרוואונדעטע אַ תּפילה איז פאַראַן,
זי איז זיס ווי האָניק און איז שטאַרק ווי סם.
און וואו געפלאָגטע טריט זיינען געלאָפן קרום און לאָם,
געבליבן אייביק איז דער צייכן פון אברהם,
דער צייכן פון זיין האַק,
וואָס האָט דעם פאַלשן גאָט צעשמעטערט און צעהאַקט.
און וואַנזיניקע שטייען אויף דאָרטן פון דור צו דור,
און זינגען לעם די טירן אונדזער וואָרט פון וואָר.
דאָס וואָרט וואָס איז געפאַלן מיט געוויין
אויף זאַמד און וויסטעניש און שטיין.
איך בין געוועזן מיט זיי, איך ווייס און איך געדענק
דאָס יאָמער־ליד פון לייב און פון געלענק.
נאָר איינמאָל דאָס צו הערן איז גענוג,
ס׳זאָל קיינמאָל ניט פאַרטריקענען פון האָס דער קרוג.

נישטאָ קיין טויט פאַר מיר, נישטאָ אין טויט קיין רו . . .
אַזוי בין איך געווען, אַזוי ביסט איצטער דו . . .
נאָר זעסט מיין דאַרע האַנט ? פון שווערסטן נע־ונד,
דעם שונא ווידערשפעניקט און געדראָט.
מיין טאָג איז נאַכט געווען, מיין נאַכט געווען איז וואַך.
און שלאַנגען־גיפט ט׳גערעגנט אויף מיין דאַך.
מיין פרייד געסמט, געבאָט געברענט,
און בייטשן זיינען נאָכגעלאָפן אָט־די בלייכע הענט.
פון שווערסטער פיין פון פלאָג, וואָס האָט געפלאָגט,
האָב איך דעם שונאס שיפן נאָכגעיאָגט.
דעם ים גערייצט אויף זיי, די האַפנס צוגעשמידט,
און סחורות זייערע אין פוילעניש פאַרשיט.
ווער זאָגט עס דיר, אַז שנאה איז ניט שיין ?
דיין האַרץ איז אפשר קליין,
דיין האַרץ איז אפשר שמאָל.
מיר זיינען שטאַרקערע געווען אַמאָל.
מיין שטוב איז פול געווען מיט לעקעך און מיט וויין.
נאָר פלאַמונג איז געווען מיין ברויט, געטראַנק געווען איז — פיין.
כ׳האָב שטאַרבן ניט געוואָלט —
שיכור פון רחמנות איז געווען מיין בלוט
צו די, וואָס בלייבן אונטער קייט און אונטער רוט.
דער טויט מיין האַרץ האָט ניט געשטילט,
די ערד מיין גוף — ניט אָפּגעקילט.
כ׳בין וואַכקייט אייביקע, וואָס וויים ניט פון קיין שלאָף,
כ׳בין דאַרשטיקייט, וואָס האָט קיין לעשונג ניט, קיין סוף.
און ווען דער שונא טראָגט זיין זיגערישע פאָן,
בין איך דער הימל־פלעק, וואָס זאָגט אים זינקונג אָן,
בין איך דער הימל־פלעק, וואָס זאָגט אים זינקונג אָן.

ס׳ווערט שטיל. ס׳פאַרגייט דער רויש פון סאַמעטער קליידונג.
מיין שטוב ווערט בלייך, און אויסגעלאָשן, ליידיק.
פון שויב דער שטערן איז אַוועק.
אויף בלויקייט פון באַגין שווימט הויך אַ הימל־פלעק.

בראָנזוויל

פּאָרשפּיל

נעם, במחילה, אַלע אינסטרומענטן,
שטעל אָן דעם אויער און דאָס אויג,
נעם די שיינע אַלטע דודע
און דעם הילכעדיקן פּויק,
דעם באַראַבאַן דעם גרויסן מיט אַ דונער,
די קאַטערינקע מיט אַ כריפּ,
עס קומט אַנטקעגן בראָנזוויל — ערשטער נומער,
אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע
מיט אַביסל ליפּסטיק אויפן ליפּ.
די יוגנט טופּעט צו מיט די אָפּצאָסן —
ציפּע־דריפּע! ציפּע־דריפּע! ציפּע־צוגעהאַקט!
און אפילו די הינט איבער די גאַסן
דרייען מיט די ווידלען אויך צום טאַקט.
און גיב אַ כאַפּ נאָך דעם פּייפיאַל דעם דינעם,
און גיב אַ רוף אַ קלעזמער־יונג אַ ברען,
זאָל זיין אַ פּאָרשפּיל פּאַר דער בראָנזווילער מדינה,
און זאָל ער אונדז דערציילן וואָס ער האָט געזען.

אַ מענטש איז אַוועק

נעיטן האָט אין בראָנזוויל פּערציק יאָר געוואוינט
און איז געשטאָרבן פרייטיק אינדערפרי.
דאָס צווייטע ווייב האָט זיך צעוויינט,
דעם קאָפּ געלייגט ביים טויטן אויף די קני.
די ערד האָט זיך אַ בראָך געטאָן,

דער הימל האָט אַ פלאַם געטאָן —
ס׳האָט קיינער ניט געזען,
דער טויטער איז געלעגן אויסגעצויגן
און האָט געוואונדערט זיך אויף דעם.
דערנאָך איז געקומען דאָס ערשטע ווייב,
מיט טעכטער צוויי, ווי אַ רייכער נאָדאָן.
— אוי, ווי איז מיר, דער טאַטע אייערער איז טויט,
די קרוין אַראָפּ פון קאָפּ, דער מאַן.
די שטוב איז פול געוואָרן מיט געוויין,
פון טעכטער צוויי, פון ווייבער צוויי,
און נעיטן איז געלעגן און געהערט,
עס האָט געהערט דער טויטער
פון לעבעדיקע דאָס געשריי.
דאָס ערשטע ווייב האָט ביים צוקאָפּנס זיך געשטעלט,
די טעכטער האָבן זיך געשטעלט צופוסן,
דאָס צווייטע ווייב, אָן קינדער, אָן אַ מאַן,
די הענט צעשפּרייט, ווי מען וואָלט ביי איר אין מיטן ים
דעם רודער פון די הענט אַרויסגעריסן.
אין שטוב איז אַריין אַ פאַרשטייער פון נעיטנס ברענטש
(ער האָט נעיטענען פון פריער קוים געקענט),
ער האָט דערנעענטערט זיך צום טויטנס בעט,
דער בר־מנן האָט פון אים ברודערשאַפט געמאָנט.
— ווי איז געווען זיין נאָמען ? —
האָט ער געפרעגט מיט שולדיקייט אין קול.
— דער ערשטער נאָמען נעיטן, דער צווייטער — בער, —
האָבן געענטפערט צוויי שטימען פאַראַמאַל.
— און ווער איז דאָ די פרוי ? —
— איך בין די פרוי, און אָטאָ מיינע טעכטער: —
סערע און עלינאָר.
— איך בין זיין פרוי, — האָט שטיל דאָס צווייטע ווייב געזאָגט, —
איך בין זיין פרוי די לעצטע פופצן יאָר. —
צוויי פרויען זיינען געשטאַנען צונטער רויט לעבן דעם טויטן מאַן,
די טרערן זיינען אויסגעטריקנט,

פאַרברענט פון שנאה־פלאַם.
אין שטוב איז שטיל געווען.
די שנאה האָט הויך גערעדט,
און ס׳האָט געהערט דער טויטער,
ווי ס׳ברענט די שנאה אויף זיין בעט.
דער פעטער משה איז געקומען, די ווייבער צוויי דערזען,
האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.
— ווען איז דער אומגליק דאָ געשען?
ער איז דאָך נאָך איצט אין די פופציקער, אַ יונגערמאַן געווען . . .
דער שאָפּ האָט אויפגעגעסן, די שנאה און דער דלות, —
אַ קוק געטאָן אויףביידע ווייבער, געשאָקלט אַ ווײַלע מיטן קאָפּ,
און האָט אַ פרעג געטאָן, וואו ס׳ליגט דעם טויטנס טלית.
— דער טלית? — אַלע האָבן די אויגן אויפגעהויבן,
צום צווייטן ווייב האָבן זיך די בליקן געטאָן אַ צי.
זי האָט דערפילט אַ פרייד כמעט,
מען פרעגט ביי איר, מען מאָנט פון איר,
די באַלעבאָסטע דאָ איז זי . . .

קיין טלית איז אין שטוב אינגאַנצן ניט געווען.
דער פעטער משה האָט פּלוצלינג אַ פּלי געטאָן,
אַ בראָך געטאָן זיך, אָטאָ פּאַלט דער מענטש:
וואָס טראַכט איר זיך? מען קען אַ בר־מינן אין הימל שיקן
מיט אַ צעטל פון אייער ברענטש?
מען וועט דאָך אים אַ פרעג טאָן דאָרטן: מה שמך?
וואָס איז געווען דיין טועכץ? דיין באַרוף?
איך וועל ניט לאָזן אים אין דער ערד אַריינוואַרפן
אָן אַ טלית מיט אַ פאַרשעמטן גוף . . .
דאָס ערשטע ווייב האָט הויך גערעדט דורך אָפענעם געוויין:
— ער האָט גענוג געלאָזן דאָ . . .
ער קען אַ טלית קויפן נאָך אַליין.

דאָס צווייטע ווייב די ליפּן האָט געביסן:
— איך קען ניט טאָן דאָס, ס׳איז קעגן זיין געוויסן . . .

דער פעטער משה האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום דעלעגאַט:
— איר דאַרפט קויפן, ער איז אַ מעמבער אייערער געוועזן, אַ סאָלדאַט...
אין רעגנס צו אייך גיין, אין שנייען לויפן,
נישקאָש, איר מעגט אַ טלית פאַר אים קויפן!
דער דעלעגאַט האָט זיינע ווייכע אויגן אויפגעהויבן,
ער האָט געשמייכלט, אַ שמייכל נאָנט צו אַ געוויין,
ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אויף ביין:
— מיר גיבן קרקע, אַ דאָקטער שיקן מיר, ווען עמעצער איז קראַנק,
פיר לעקטשורס איבער ווינטער אויף אַנטוויקלען דעם געדאַנק,
און דורכן יאָר האָבן מיר צוויי מאָל אַ באַנקעט,
נאָר אויף טליתים האָבן מיר ניט קיין בודזשעט.
ס׳איז שטיל געוואָרן,
ביי יעדערן ט׳געברענט דער בליק,
דער טויטער איז געלעגן און געהערט,
ווי ס׳ווערט זיין צימער פול מיט קריג.
אַ טלית האָט מען צום סוף געקריגן
ביי אַ שכן אויף די זעלבע שטיגן.
לייזער עליע, אַ ייד אַ „גרינער״, אַ וואָכן זעקס פון שיף,
ער האָט אין בראָנזוויל געפעדלט אויף די גאַסן
מיט פאָדעם, מיט קאָנווערטן, מיט פאַפיר אויף בריוו,
צוויי טליתים, אַ שבתדיקן און נאָך איינעם אויף אינדערוואָכן,
האָט ער געבראַכט פון שטעטל נעבן וואַרשע, פון פּאָלאָנע,
האָט ער דעם וואָכעדיקן טלית אָפּגעגעבן
דעם מת פון בראָנזוויל, אַן אייביקע מתנה.
געבנוג אין אים געדאַווגט, געפאַלן אין געוויין,
און צוויי פאַגראָמען מיטן לעבן דורכגעשוואומען,
אַ ריס איז דאָ אין טלית פון אַ שטיין,
נישקאָש, אין אַזאַ טלית מעג מען צום באַשעפער קומען.
עטלעכע שכנים האָבן אים אַ קראַנץ געבראַכט,
און נעיטן איז געלעגן מיטן טלית אויסגעריכט,
די זון דעם צודעק האָט מיט גאָלד באַפאַרבט,
אויף די ווענט האָבן שאָטנס זיך גערירט,

די שטוב איז פול געוואָרן, ווי ס׳דאַרף צו זיין ביי איינעם, ווען ער שטאַרבט.
דער דעלעגאַט האָט צוגעאיילט: די עגלה קאָן ניט וואַרטן מער,
איז קנאַפּער מיט אַ זיפץ,
איז ווייניקער אַ טרער,
עס האָט זיך צוגעאיילט דער עולם,
עס אַרבעט ניט אום שבת דער בית־עולם.
אַ פּאָר שטימעס האָבן אַ זונג געטאָן:
„אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר אונדזער פאָן״.
דער פעטער משה האָט דער ערשטער זיך איינגעבויגן,
אַ טופּעניש פון פיס,
דורך דער טיר איז דורכגעשוואומען דער שמאָלער אָרון,
דאָס צווייטע ווייב האָט זיך געטאָן צו אים אַ ריס,
די יינגסטע טאָכטער האָט אַ כליפּ געטאָן און שטיל געוואָרן.
טריט האָבן געטופּעט טיפּ־טאָפּ־טאָפּ,
נעיטענען אַראָפּגעוויגט אַראָפּ, אַראָפּ,
די וועלט איז הינטערוויילעכטס אַוועק צוריק, צוריק,
צו בלענדעניש צו צווייפלען און צו גליק.

אַ שכנה האָט אין שטוב די טיר פאַרמאַכט,
דער צימער איז געבליבן ליידיק, הויל;
ס׳איז פריצייטיק אַהין אַריין די נאַכט,
מיט שאָטנס, מיט חרטות און מיט גרויל.
אַ פּאָר שטעקשיך זיינען שטיין געבליבן נעבן בעט,
אויפן וואַנט איז געבליבן הענגען אַ כאַלאַט,
אויף אַ פּאָליצע דריי גלעזלעך ביכער אויף אַ צייטונג אויסגעבעט:
שמ״ר, דינעזאָן און דוד עדלשטאַדט.
די שטוב איז צוגעשוואומען צו אַ ברעג,
דער צימער האָט זיך איינגעהערט,
ווי ס׳איז אַ מענטש אַוועק.

פראַגע־צייכנס

נאָך אָפּגעשניטענעם פעלד בלייבן שטעכעדיקע וואָרצלען,
נאָך אָפּגעברענטן וואַלד בלייבט וואו ניט וואו אַ פּלאָקער,
דער ווינט וועט קומען און דעם אַש צעטראָגן,
די פעלדער וועט מען דורכגיין מיט אַן אַקער.

ווען ס׳גייט אַ מענטש אַוועק —
בלייבן זיינע קליידער לאַנג, ווי קיטלען,
די שיך ווערן פול מיט תהומען, און שטייף, ווי ברעט,
די זון, די גוטע זון, שיקט אירע שטראַלן צו פאַרמיטלען,
צווישן דעם בערגל ערד און פריש פאַרלאָזטן בעט.
דער קלענסטער צימער קריגט ווייטע האָריזאָנטן,
און אויפן וואַנט דאָס בילד מיט שמייכלענדיקע ליפּן,
און טיפע שאָטנס און שטומע רו,
טרייסט אַלעמען: אָט קום איך באַלד, איך זאָג אייך צו . . .

נעיטנס צווייטע ווייב —
זיין חברטע די לעצטע און געליבטע,
אין צימער זיצט אַליין, און ניט אַליין —
אַ רעגן גייט, און מיטן גאַנג פון רעגן —
קומט נעיטן אויף צוגיין:
— אָט זיינען מיינע בריוו און צעטעלעך,
צער און דערגרייכנס —
פּראָטעסטן און נצחונות אין שאַפּ און אין פאַראיין,
אָט דאָ האָב איך געשטעלט די פראַגע־צייכנס . . .
איך וועל נאָך קומען זאָגן אייך,
וואָס איך מיין . . .
אַ ווינט שאַרכט דורך איבער די שויבן,
און מיטן שאָרך פון ווינט ער רעדט:
— אָט איז אַ שלייפעלע אַ רויטס, אַן אויפשריפט,
פון יענעם דעם אַמאָליקן באַנקעט . . .
די „אַלטע היים“ האָט נאָך געפּאַכעט מיט אַ רופנדיקן פליגל,

די „פּאַנע" האָט צוגעזאָגט אַ זיג איבער דער וועלט,
די הערצער זיינען פול געווען מיט גלויבן און מיט ליבע,
און גאָט און מענטש האָבן געוואוינט אין איין געצעלט.
און זי געדענקט : די טישן, וויין און בלומען,
די שלייפלעך גליען ביי די מענער אויף די לאַצן און ביי די פרויען אויפן ברוסט
— צו אַ יום־טוב איז דעמאָלט יעדערער געקומען,
אַז קאַמף איז לעבן —
האָט מען אויף אויסווייניק געוואוסט.
דער קעלנער גייט אין שוואַרצן פראַק,
אין פראַק אַן עק,
אין עק אַ שפּאַלט,
איבערן שפּאַלט אַ פאַלד.
די גאָפּעלעך צעלייגט — (פּי־פּי, פּייף ברודער !)
קליין און גרויס און גרעסער,
אונטער יעדן גאָפּעלע אַ מעסער,
אונטער יעדן מעסער אַ לעפל, אַ לעפעלע,
און איבער זיי אַ זאַלצערל, אַ שעפעלע.
נעיטן האָט זיך אין די גאָפּעלעך געפּלאָנטערט,
געשוויצט אין שימער פון געפעסן —
מיט וועלכער כלי אָנהויבן צו עסן ?
צעלאַכט זיך, אָפּגעווישט דעם שווייס,
און איז אַ פּאַראומערטער געבליבן זיצן,
טרויעריק און בייז.
דער פּאָרזיצער האָט זיין לאַנגע רעדע געוויקלט און געדרייט,
און סוף כל סוף זי צוגעשנעלט —
מיט אַ „שענערער און בעסערער וועלט".
האָט נעיטן מיט אַ האַנט אַ שאַר געטאָן איבער די גאָפּעלעך און טעץ,
און פלוצלינג מיט אַ פויסט אין טיש געטאָן אַ זעץ
און אָנגעהויבן ברומען :
— נידער מיט די גאָפּעלעך, די שאַלאָמויזן און די בלומען !
איך הער, ברודער, אַז דער אמת פון דיין מויל אַנטלויפט,
וואָס זיינט איר אויסגעפּוצטע דאָ אַהער געקומען ?

זאָגט גלייך: צו וועמען איר האָט די פּאָנע אונדזערע פאַרקויפט?
די בריסקער תפיסה האָט מיט אונדז דעם טראָפּ געקנעלט,
פאַרנעמט אייך די גאָפּעלעך, די שאַלאָמויזן און דאָס פלוידער־ריידן,
און פאַרגעסט ניט מיטשלעפן אייער „שענערע און בעסערע וועלט".
עס איז געוואָרן אַ געפּילדער...
דער פאָרזיצער, אַ בלאָסער, האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט.
אויף די ווענט האָבן געגרוישט די אַלטע בילדער,
און קאַרל מאַרקס האָט געשטורעמט מיט דער ברייטער באָרד.
אויפן געבראַזג האָט אַ האָטעל־באַדינער די טיר געעפנט,
די קנעפּלעך, די מעשענע, האָבן געטאָן אַ בלינץ,
און נעיטן האָט אַ זאָג געטאָן:
— אָט האָט איר אים! עס האָט קנעפּלעך שוין געדונגען —
דער בערדיטשעווער פּרינץ!...
און צוגעגעבן מיט פאַרקלעמטן צאָרן:
„פּורים־גראָגערס, זייט מיר מוחל, איז פון אייך געוואָרן"...
מען האָט געשריען, צו נעיטענען מיט אַ געשלעג געקראָכן,
— אַ נאַר איז גלייכער זאָל ניט זיין קיין תלמיד־חכם...
מען האָט געטומלט, ווערטער רוישיקע און העלע:
גענאָסע! חבר! ברודער!
און שטולן האָבן זיך גערוקט,
און דאָס געפּעס געקלונגען,
עס האָבן זיך די געסט צעשאָטן אין גערודער,
ס'האָט איינער אין אַ טאָץ געקלימפּערט,
און עטלעכע האָבן הייס אַ ליד געזונגען.
איז אַלץ אַוועק? איז בלויז געבליבן דאָס געדענקען?
דעם פרילינג אייביק מוז דער האַרבסט אַנטוישן?
דער רעגן זיפט: ס'איז אַלץ אַוועק... ס'איז אַלץ אַוועק...
און אויפן וואַנט די קאַלטע קליידער־קיטלען רוישן.

אין צימער לעבן נעיטנס שטייפע שיך
גייען געזיכטער דורך —
און שאָטנס זינגען אונטער זיין בילד, איבערן וואַנט:

„ברידער מיר האָבן געשלאָסן
פון טויט און פון לעבן אַ פאַרבאַנד" . . .
עס שאַרכעט אַ ווינט איבער די שויבן
און מיטן שאָרך פון ווינט אַ קלאַפּ אין טיר . . . אַ שרעק . . .
— ווער קומט דאָ איצט אין צימער פון דעם טויטן ?
עס קומט דאָך ניט צוריק, ווער איינמאָל איז אַוועק . . .
— עלינאָר ? . . .
— יאָ עלינאָר . . . איך וויל וויסן פון דעם טאַטנס לעצטע יאָרן . . .
איך וויל דערגיין . . .
פאַרוואָס דער טאַטע איז . . . פאַר וואָס דער טאַטע האָט געלאָזן
קינדווייז אונדז אַליין ? . . .

לעבן די אַלטע בריוו, די צעטעלעך, די פראַגע־צייכנס,
צוויי פרויען שטייען, יעדערע פאַרקלעמט אין זיך,
ווי ווייטע צייכנס זעען אויס די אַלטע בריוו,
און אויפמערקזאַם הערן זיך איין צוויי שטייפע שיך.
— דיין טאַטע ? . . .
אין דער יוגנט אַ שבועה האָט ער געגעבן,
דיין טאַטע איז געווען אַ זעלטענער, צום הארצן אַלץ גענומען נעענטער,
די שבועה האָט ער אָפּגעהיט דאָס גאַנצע לעבן,
און איז געשטאָרבן . . . ווייסטו דאָך, אַן איינזאַמער און אַ פאַרשעמטער . . .
ער איז קראַנק געווען, פאַרצווייפלט און דערשלאָגן,
די לאַווע ברענט אַראָפּ דעם שטאַרקסטן דעמב,
ער האָט ביזן לעצטן טאָג קיין שניפּסן ניט געטראָגן,
נאָר אַ „רובאַשקע", אַ בריסקער ערן־העמד . . .

לעבן די אַלטע בריוו, די צעטעלעך, די פראַגע־צייכנס,
צוויי פרויען שטייען אין געוויין,
און אויפן וואַנט דאָס בילד מיט מילד פאַרטראַכטן שטערן,
טרייסט ביידן זיי —
— אַט קום איך באַלד, אַט קום איך אַלץ דערקלערן . . .
אַט קום איך, אַט קום איך באַלד צוגיין . . .

שבת קומט אין בראָנזוויל

עס קלאַפּן האַקמעסערס אַן אַלטן, אַלטן ניגון
פון בערדיטשעוו, פון בערעזנע, פון דערמיר,
און ס׳זינגט די ראַדיאָ: „אַ קום שוין, מיין זיס לעבן,
דיין טרייע ציפּעלע וואַרט אויף דיר״.

די קאַרטן־טישלעך שטייען יום־טובדיק און הייליק,
מען צינדט שוין ליכט, די דילן אויסגעוועקסט,
די ליפּן צוגעפּאַרבט, און בראַנזוויל פינקלט,
און מלכה שבת קומט אין סאַמעטענע סלעקס.

„אָ, לכה דודי לקראת כלה״,
זינגט אַ זקן מיט אַ טרויעריקער באָרד,
„פאַרגיב, מיינע קינדער זיינען שבת מחלל,
און ס׳ליגט דער טרויער איבער אַלע וועלטן גאָר״.

„אָ, לכה דודי לקראת כלה,
אויף שפּיצן פינגער קום, דיין וועג איז שמאָל,
איך וואַרט אויף דיר ליכטיקע, הייליקע כלה,
צום לעצטן, צום סאַמע לעצטן מאָל״.

די יוגנט לעם דער קענדי־סטאַרקע
מאַכט לכבוד שבת אַ „קאַמפּיין״.
זיי זינגען הויך, מיט לויטערע שטימען,
„אויביי מיר ביסטו שיין, אַ לעט מי עקספּלעין״ . . .

און מלכה שבת קומט צו זיי אַ יונגע,
אויף היכע קנאַפּל, ווי אַ צעדער־בוים,
און וויגט זיך מיט זיי לעם דער קענדי־סטאַרקע,
און זינגט מיט זיי „אָ, לעט מי עקספּלעין״.

די „אַנשי צדק‟ — יידן קרעמער קיין עין־הרע,
קוויקן זיך מיט אייבקע חזנס זינגען,
און מלכה שבת שוועבט איבער בראָנזוויל,
און שמייכלט שטיל דורך אויסגעשפּרייטע פינגער.
דער מאַרק איז שטיל, אַנטלאָפן דער יאַריד,
פאַרשוואונדן ערגעץ וואו דער הייזעריקער ייד,
און ס׳האָט דער פּושקאַרט מיטן רעדל זיך באַהאַלטן
בנקיקי־הסלעים,
אין די שטיינערנע שפּאַלטן.

פאַרהילט און צגעדעקט די קעסטלעך,
אַ הייליקע, אַ שטומע שטאָט,
אַ חלום פאַלט אַראָפּ, פאַרדעקט אַלץ,
און בראָנזוויל ט׳זיך פאַרטראַכט אויף גאָט.

און מלכה שבת לויכט אַריין אין פענצטער:
— „וואו ביסטו, עלינאָר ?‟
אין קענדי־סטאָרקע שפּילט און לאַכט דער דזשעז,
— וואו ביסטו, עלינאָר ?
איך שוועב דאָ איצט,
און בראָנזוויל שמעקט מיט בעז.

די יינגלעך טופּען צו מיט די אָפּצאָסן,
ביי מיידלעך אין די האָר איז פרייד,
— וואו ביסטו, עלינאָר ?
וואָס שפּעטשען דיינע ליפּן ?
די פינגער אויפן פּנים אויסגעשפּרייט ?

די פּושקאַרטס רוען אויף די רעדלעך,
דער מאַרקעט איז אַן אַלטע, שטומע שטאָט,
די קינדער חלומען אין בעטלעך,
און בראָנזוויל ט׳זיך פאַרטראַכט אויף גאָט‟.

אָ, עלינאָר,
יונגע, שיינע, עלינאָר,
ווייכער, ברוינער זייד זיינען די האָר.
אין היטעלע דער פעדער גרינג און לינד,
טרילערט ווי אַ פייגעלע אין ווינט.

אָ, עלינאָר,
דאָס מויל אַ לידל ברומט,
דער טרויער אין די אויגן, זאָג, ווי קומט?
דער טרויער אין די אויגן
טונקל, טיף,
אַרויסגעלייענט פון אַן אַלטן בריוו?
אָ, עלינאָר,
ווי קומט דער טרויער צו די ניינצן יאָר?

אין טאַטנס שטול,
דעם איינגעפאַלענעם, דעם ברייטן,
זיצט עלינאָר — צוויי טראָפּנס וואַסער נעיטן.
די אויגן צוגעמאַכט,
אַ ליפּ פאַרביסן,
דעם קאָפּ מיט ברוינע האָר,
צום אָנלען פון דעם שטול פאַרריסן.

אַט אויפן זעלבן אָרט
האָט זי אַמאָל געזען דעם טאַטן זיצן.
געווען איז מיטן־נאַכט,
אין פענצטער האָבן זיך געבראָכן בליצן.

מען האָט געהערט: אינדרויסן האַרטע רעגן־טראָפּן זיפּן,
דער טאַטע האָט די הענט געהאַלטן אויף די קני,
און ס׳האָבן שטיל געשעפּטשעט זיינע ליפּן.

— אַ נאַר ביסטו געוואָרן, נתן! . . .
וואו ביסטו אויף דער וועלט?
וואוהין האָסטו דיין שניידערשן געביין פאַרטראָגן?
שוין אָפּגעכאַפּט אַ וואָך ביי דער מאַשין,
וואָס האָסטו זיך אַליין ביינאַכט צו זאָגן?
וואו ביסטו אויף דער וועלט?

און ס׳האָט דער טאַטע מיט אַ מאָדנעם ניגון
צו זיך אַליין געזונגען אין דער נאַכט,
און עלינאָר מיט צוגעמאַכטע אויגן
דעם טאַטנס ניגון האָט געהערט און האָט געוואַכט.

דערנאָך איז זי מיט באָרוועס קלאַפּנדיקע טריטלעך
צום טאַטן צוגעלאָפן און גענומען פרעגן:
— וואָס זינגסטו, טאַטע?
צי דו וויינסט? צי דו רעדסט דאָס מיטן רעגן?

דער טאַטע האָט דאָס קינד גענומען אויפן שויס,
די פינגערלעך די קליינע אויסגעציילט,
דער טאַטע האָט דאָס ברוינע קעפּל צוגעדריקט,
און האָט אַ מעשהלע דער קליינער עלינאָר דערציילט:
„געווען אַמאָל אַ מענטש,
אַ שניידער־יינגל, נתן,
אַ יונגער און אַ גוטער,
עס האָט אים יעדע שלעכטס און בייז פאַרדראָסן,
ער איז געווען אַ יונגער און אַ גוטער.

ער האָט ליב געהאַט די נאָדל און דעם הימל,
געאַרבעט און געזונגען לידער,
אַז אַלע פייגל קענען פליען
און אַלע מענטשן זיינען ברידער.

געקומען איז דערנאָך אַ שלעכטער,
אַ טשערמאַן, טאַכטערקע, אַ גדול,
ער האָט דעם הימל צוגענומען,
געבליבן איז אים נאָר די נאָדל.

דאָס ייִנגל האָט זיין ליד פאַרגעסן
און טוט זיין אַרבעט, ווי אַ שטומער,
די פייגל זיינען זיך צעפלויגן
און קומען ניט צוריק אפילו זומער".

דעם טאַטנס קול דאָס קליינע הערצל האָט פאַרשטאַנען,
געזען דערנאָך דער טאַטע שטייט ביי איר צעקאָפּנס,
די בליצן צינדן זיך אויף אים, ווי פלאַמען,
און אויף איר פּנים פאַלן הייסע טראָפּנס.

דאָס קינד דערנאָך האָט אַלץ געזען אין חלום,
די נאָדל און דער הימל לעם איר בעטל ליגן.
ס'איז לאַנג שוין לאַנג. ס'איז אָנהויב פון איר קינדהייט,
נאָר ס'קומט אַמאָל צוריק דעם טאַטנס ניגון.

שמות (שיימעס)

אין קענדי־סטאַרקע קיניגט קאַקאַ־קאָלאַ,
שוימט מיט ווייסע, רויטע בלעזלעך,
עס שוועבן מיידלעך אין שיך מיט אָפּגעהאַקטע נעזלעך,
די פּיס־פינגער קוקן אַרויס מיט חן,
און ס'לאַכן פינקלדיקע יונגע ציין.

עס פּיעשטשעט זיך די ראַדיאָ,
עס זינגט דאָרט די באַליבטע ראָזע ראָזענבליט:

„דאָס האַרץ גייט אויס נאָך דיר, מיין ליבער,
דאָס האַרץ גייט אויס,
ווייל כ׳האָב דיך זייער ליב״.
די פּיאַנע כליפּעט מוזיקאַליש:
„דאָס האַרץ גייט אויס נאָך דיר, מיין ליבער,
דאָס האַרץ גייט אויס״ . . .
עס זינגט־מיט די גאַנצע קענדי־סטאָרקע
יידישלעך־מאָראַליש,
אין לאָך אַפילו זינגט די מיקי־מויז:
„דאָס האַרץ גייט אויס,
דאָס האַרץ גייט אויס״.
סערע וויגט זיך זיצנדיק ביים צייטונג־סטענד,
לעם איר שטייט דזשעיקאָב בראַון
און האַלט זי פאַר די הענט:
„איך וועל דיך, דאַרלינג, אין מאַשינעס פירן,
איך האָב אין בראָנזוויל אַ דרייגאָרנדיק הויז,
מיט זעכצן נייע פרידזשידירן.
יו׳ל סי, מיין דאַרלינג, דו וועסט זען,
מיך אַרט ניט, וואָס דיין טאַטע
איז אַן אַפּרייטער געווען;
און אויף דיין ׳יעס׳ דעם זיסן וואַרט איך בלויז״ . . .
און עס ענטפערט זיי דער כאָר:
„דאָס האַרץ גייט אויס, מיין ליבער,
דאָס האַרץ גייט אויס״.

און סערע האָט די נייס דערציילט דער מאַמען,
ביז שפּעט אין נאַכט האָבן געשמועסט ביידע,
די מאַמע האָט זי צוגערעדט:
— „וועסט זיין, מיין סערקעלע, אַ ליידי!
עס מאַכט ניט אויס, וואָס דו ביסט יינגער ווי עלינאָר,
אויף איר צו וואַרטן — וועסטו אַריינזיצן ביז גרויע האָר״.
און ס׳האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

„זי איז ווי ער . . . ווי נעיטן . . .
דעם טאַטנס משוגעת . . .
פון אָפּיס, ווען זי קומט אַריין אין שטוב,
(ס׳איז פּשוט אומנאַטירלעך)
אַ קיי געטאָן, אַ זופּ געטאָן דעם זופּ,
און זיצט די גאַנצע אָוונטן איבער די שמות,
די פּאַפּירלעך . . .
דו ווייסט — זי גייט דאָך צו איר . . . צו דער מכשפה . . .
מען וועט דאָך דאָס ניט גלויבן, אַז מ׳עט הערן,
זי . . . עלינאָר . . . ווי האָט זי דאָס אַ האַרץ ?
ביז היינט צו טאָג נאָך ליגן דאָרטן מיינע טרערן . . .
נעיטן איז אַוועק . . .
צו וואָס דעם אומגליק פון מיין לעבן ווידער וועקן ?
כ׳האָב זי געפרעגט : — זאָגט זי :
— ניטאָ דאָ וואָס צו פרעגן,
זיי לייענען דאָרט זיינע בריוו און פּראָטאָקאָלן,
אַלטע זאַכן . . .
איך זאָג דאָך דיר — דעם טאַטנס משוגעת . . .
זי טענהט — זי וויל דערפון אַ ביכל מאַכן . . .״
איינמאָל, ווען עלינאָר האָט זיך פאַרטיפט,
אין עפּעס אַן אַלט שטיקל פּאַפּיר, אַ בריוו,
איז די מאַמע צו איר צוגעגאַנגען.
זי האָט געזעצט זיך ביי דער טאָכטער אויפן בעט,
און האָט געמוסרט זי, צו איר גערעדט :
— „עלינאָר, גלויב מיר,
אַ שאָד דיין צייט, די יאָרן דיינע גייען,
אַט סערקע האָט אַ „באָי״ געקריגן,
מיר וועלן זיך בקרוב אויף אַ שמחה פרייען,
ער איז, קיין עין הרע, אַ גביר,
שטאַמט פון גבירים,
ער האָט אין בראָנזוויל אַ דרייגאָרנדיק הויז,
מיט זעכצן נייע פרידזשידירן״ . . .

און ס׳זעט די מאַמע — ביי עלינאָרן אויף די ליפּן
אַ שמייכל ליגט . . . ס׳באַליידיקט . . .
זי האָט דערקענט דעם שמייכל — זיינער . . . נעיטנס —
ס׳האָט אויפגעלעבט אין איר אַן אַלט־באַהאַלטענער פאַרדראָס,
וואָס ווייטיקט . . .
און צו דער טאָכטער ט׳זי אַ זאָג געטאָן אָן פאַרבאַרייטנס:
— „וואָס ווילסטו, עלינאָר ?
פאַר אונדז איין אומגליק קנאַפּ ?
ווילסט ווערן ווי דער טאַטע דיינער,
וואָס מען האָט אים אין דער יוניע געררודפט,
געטריבן אים פון יעדן שאַפּ ?
אָט טאַקע די פּאַפּירלעך זיינע . . .
ער פלעגט זיי דאָרט צו די אַסיפות שיקן,
האָט מען אַרומגעטריבן אים,
און אייביק, אייביק איז געווען דאָס שטורעמען, זיך קריגן . . .
ער האָט פאַרחברט זיך מיט אים, מיט דייוויסן, —
אַן עקשן פון אַ ייד —
דו קענסט דאָך אים, שלעפּט זיך אַרום דאָ איבער עמבאָי סטריט,
געלאָפן ביידע, פּאַפּירלעך געשריבן, פּראָטעסטירט —
זיי האָבן ביידע די מלחמה דאָס געפירט . . .
דער דייוויס אין בראָנזוויל האָט געשמט . . .
פון צרות דאָס ווייב זיינס איז אָוועקגעשטאָרבן,
די קינדער זיינען זיך צעלאָפן, וואו ווער עס האָט געקענט . . .
און ער אַליין, דער גרויער נאַר,
אַליין, ווי אַ פלאָקן, פּאַדעט אַרום הויז,
און מיינע שונאים זאָלן אויסזען,
ווי ער זעט אויס . . .
׳די אמת־זאָגער׳ — אַי, האָט מען זיי געפּלאָגט . . .
און אין דער אמתן — די לייטע יענע זיינען דאָך גערעכט —
דערפאַר . . . דערפאַר . . .
ס׳וויל קיינער ניט באַגעגענען טאָג־טעגלעך
דעם אָרנטלעכן נאַר.

און ווידער, עלינאָר, די „אמת־זאָגער" —
ווער ווייסט דאָרט זיי . . .
אָט האָט דיין טאַטע מיך פאַרלאָזט,
אַ פרוי מיט פיצלעך צוויי . . ."

און דער פאַרדראָס דער אַלטער
האָט אַרויסגערופן נייע טרערן, נייעם גאַל,
און אַלטע טענות האָבן זיך אויפגעוועקט,
ווי עס וואָלט זיך אויפגרייסן אַ קוואַל.

די מאַמע איז אַוועק, אַוועקגעשאַרט זיך מיט אַ טראָט אַ קרומען,
די טאָכטער איז געבליבן זיצן אין טאַטנס שטול,
פאַרזונקען טיף.
די מאַמע איז דערנאָך צוריק געקומען,
אין האַנט אַ געלער, אויפגעקנייטשטער בריוו:
— „דו זוכסט דאָך אַלטע שמות, עלינאָר!
אָט האָסטו נאָך אַ שמה, נאָך אַ צעטל איינעם,
דו מעגסט דאָס, טאָכטער, זען,
נאָך אַ קאַפּיטל פון מיין לעבן לייענען".

די מאַמע האָט די שטאָרן אַ הויב געטאָן,
די לעצטע ליכט פון טאָג האָט זיך צעגאָסן אויפן דיל:
— „איך קען אויף אויסווייניק דעם אומגליקלעכן בריוו".
זי האָט געלייענט שטיל:
„זאָגט אייער מאַן,
ער האָט אַ פרוי מיט קינדער . . .
זאָל ער צו זיין פאַמיליע זיין אַ גוטער,
און ניט אַן עקסעפּשן פון אַלע מעמבערס זיין,
אויב ער וויל עסן ברויט מיט פּוטער" . . .
„האָב איך גערעדט צו אים, צום טאַטן דיינעם,
גיי שלאָג זיך מיט די שטיינער . . .
אַז אַלע שווייגן — שווייגט מען אויך!

אַ זעלנער אויף מלחמה גייט ניט איינער . . .
האָט ער געפאָלגט ? דיין טאַטעלע . . .
ער האָט דעם בריוו געטראָטן מיט די פיס,
געביסן — ניט געלייענט,
געוואָרפן זיך ! איך זאָג דיר, אַ וואָלף אין שטייג,
און האָט געשריען — איך ווייס ? מיינע שונאים זאָלן וויסן וואָס דאָס מיינט...
ער האָט געשריען : 'באָמטשע שווייג'.
איך ווייס נאָך ניט ביז היינט, וואָס דאָס באַטייט,
דאָס אומגליקלעכע וואָרט איך האָב געוואָלט פאַרגעסן . . .
נאָר איצטער דו . . .
מיר האָבן זיך דערנאָך צעשיידט.
ער איז דאָך שוין ניטאָ . . . טאָ זאָל ער ליגן דאָרט אין רו . . ."

די מאַמע האָט פּאַמעלעך זיך אַוועקגעשאַרט,
און עלינאָר ט'געזעזן :
דער מאַמעס פּלייצע נידעריק און איינגעבויגן איז אַוועק,
אין פענצטער האָט דער הימל שוין דערבערעגט מיט לעצטן רויטן זשאַר,
אַ טונקלקייט האָט זיך אַריינגעגאָסן,
דעם יונגן, ברוינעם קאָפּ פון עלינאָר פאַרדעקט.

מזל־טוב

נו קום שוין, קלעזמער־יונג, ניט לאָז זיך בעטן,
עס מאַכט ניט אויס דער אָפּגעריבענער קאַשקעט,
אַבי האָסט אָפּגעפּוצט די שטיוועלעטן,
שפּיל אויס אין מיטן אין דער וואָכן דיין געבעט.
און זאָל אין מיטן אין דער וואָכן יום־טוב ווערן,
ס'איז צופיל וואָך ! ס'איז צופיל וואָך !
און זאָל מען אָפּוואַשן דעם צער מיט טרערן,
נו, קלעזמער־יונג, מיר וואַרטן דאָך !

דער עיקר, היט מען זאָל ניט צוציען דעם סמיטשיק;
דער עיקר איז, דער ניגון זאָל זיין רעכט געשטעלט;
דער עולם שיכורלעך, דער דיל איז גליטשיק,
דאָס פידעלע אין מיטן פון דער וועלט.
נאָר קלעזמער־יונג, דו זאָלסט אונדז ניט באַטריגן,
פאַר בראַווקייט מאַך לחיים — שטאַרק דער וויין —
עפּעס אַזוינס שפּיל אָפּ! נאָר ניט פאַרטאַכלעווע דעם ניגון.
דאָס וועלן מיר ניט מוחל זיין:

די כלה גייט, די כלה גייט,
און מאַכט אַ וואַרע מחותנים,
פון פאָרנט שטייען די יחסנים,
דערנאָך די צווייטע, דריטע, פערטע ריי,
די כלה גייט, די כלה גייט,
עס לויכט ווי זון דער כלהס פּנים,
אַזויפיל אַנקוקערס־בעלנים,
דאָס חופּה־קלייד איז ווייס ווי שניי.

די שער, די שער, די שער צעשערן לאָמיר,
אַ שערעלע, אַ בערעלע, אַ בייגל פאַר אַ סענט,
ס'איז מינסק, ס'איז פּינסק, בערעזנע און זשיטאָמיר,
האָבן זיך הייס גענומען פאַר די הענט.

די ערשטע פּאָר מיט אמתע סאַפּירן,
די מחותנתטע מיט זעכצן פרידזשידירן,
אַרויס אין מיטן קאַראַהאָד!
זיי טאַנצן ווי די שווערע בערן,
מיט כבוד לאָמיר זיי באַערן,
זיך אויסגעדרייט מיט גאָטס גענאָד!

די צווייטע פּאָר מיט גרויס כוונה,
דער כלהס מאַמע, אַן אלמנה,

אַרויס אין מיטן קאַראַהאָד!
זיי טאַנצן ציטעריק, ווי פּאַר דער תורה,
דאָס שוואַרצע קליידֿ אַ מרה־שחורה,
זיך אויסגעדרייט מיט גאָטס געבאָד!

די דריטע פּאָר — דער פעטער משה,
זיין מיסיס קיין עין־הרע, ווי אַ דייזשע,
אַרויס אין מיטן קאַראַהאָד!
און וואָס מיר קלעזמער, ווען מיר קלעזמער,
מען טאַנצט ווי אמתע בערעזנער,
זיך אויסגעדרייט מיט גאָטס געבאָד!

די כּלה, סערע, זיצט אין טיפן שטול,
אין ווייסן חופּה־קלייד, און ווי אַ שׂרה,
די לופט איז — ווייך,
דער כּוס — איז פול,
דער חתן, דזשעק אירער,
זאָל אים ניט שאַטן קיין עין־הרע.

די כלה, סערע, זיצט אין טיפן שטול,
אַזויפיל פריידן ליכטיקע און קלאָרע,
די לופט — איז ווייך,
דער כוס — איז פול,
דאָס מזל אירס —
זאָל איר ניט שאַטן קיין עין־הרע.

די כלה, סערע, זיצט אין טיפן שטול,
עס וויגט דער דזשעז די גרינגע פּאָרן,
די לופט — איז ווייך,
דער כוס — איז פול,
די חתונה אַ שיינע, קיין עין־הרע.
די חופּה, גאָט, —

די חופה, גאָט, —
אַ וועלט קומט אָן, אַ וועלט פאַרגייט.
אַ ווייסע בריק — דאָס חופה־קלייד.

דער רבי בענטשט:
— איר זאָלט לעבן „האָנעסט, וועל״
און אויסבויען אַ „האָוז
אין איזראַעל״.

קלעזמאָרים צו דער חופה גיט אַ ניגון,
די דינסטע סטרונעלע געצויגן,
די קלענסטע גלעקעלעך געשנאַלט,
קלעזמאָרים צו דער חופה גיט אַ ניגון,
די כלה גייט אין שיכעלעך פון גאָלד.
דער פעטער משה ווייסט — ער איז דער כלהס פעטער.
ער האַלט פאַרריסן הויך דעם קאָפּ,
און אויף צו להכעיס די גבירים
מיט די זעכצן פרידזשידירן,
דערלאַנגט דעם גרעסטן „ענוועלאָפּ״.
די גאַנצע מעשה... ווייס איך וואָס...
און טאָקע דאָ אין מיטן טאַנצן
דערלאַנגט אַ הונדערטער אַ גאַנצן,
און זאָלן זיי ניט רייסן הויך די נאָז!

און עלינאָר מיט גרינגן טראָט,
פאַרדרייט, אַרומגעדרייט אין ראָד.
די מאַמע בעט זי מיט די בליקן:
זעסט, עלינאָר, דאָס איז מיין איינציק פאַרגעניגן...
אַ לעבן אָפּגעלעבט אין צער און בייז.
און עס ענטפערט עלינאָר מיט ברוינע אויגן:
איך ווייס... איך ווייס...
און עלינאָר מיט גרינגן טראָט,

פאַרדרייט, אַרומגעדרייט אין ראָד.
עס קייטלט זיך די שער,
נאָר מיטן קלעזמער־ייִנגל,
וואָס איז מיט אים דער מער ?
ער שפּאַסט גאָר, צי ס׳איז גלאַט אַ שטיף ?
אַ ניגון איז דאָך בלויז אַ ניגון —
ווי קומען זיך דאָ ווערטער קריגן —
ווערטער פון דעם טאַטנס בריוו . . .
אין טאַקט אַרייַנגעוויגט זיך, שוועבן :
„מיר ווילן ניט אַזוי גלאַט אָפּגעבן אַ לעבן״.
צו שטאַרק מסתמא איז געווען דער ווייַן,
וואָס קען דאָ אַנדערש זייַן ?
וואָס קען דאָ אַנדערש זייַן ?
נאָר אין וויאָלאָ ציטערט אויך אַ האָר,
אין טאַקט מיט דער וויאָלאָ וויגט זיך עלעיִנאָר,
און שטילע נידעריקע קוואָליעס פרעגן :
„צי ווילן מיר אַזוי גלאַט אָפּגעבן אַ לעבן ?״
וואָס ברומט דאָ די וויאָלאָ איצט אין מיטן שער ?
דער וויאָליסט —
וואָס איז מיט אים דער מער ?
צו שטאַרק מסתמא איז געווען דער ווייַן ?
וואָס קען דאָ אַנדערש זייַן ?
וואָס קען דאָ אַנדערש זייַן ?
די פּויק אַ זיכערע מיט ברומענדיקע ליפּן בומבעט,
און שטילע דונערן צעצאַפּלען זיך דערנעבן :
„מיר־ווילן־ניט־אַזוי־גלאַט
אָפּגעבן־אַ־לעבן״.
וואָס וויל די פּויק איצטער אין מיטן שער ?
דער פּראָסטער באַראַבאַנדל —
מיט אים וואָס איז דער מער ?
צו שטאַרק מסתמא איז געווען דער ווייַן,
וואָס קען דאָ אַנדערש זייַן ?

וואָס קען דאָ אַנדערש זיין ?

— — — — — — — — — —

די שער, די שער, די שער צעשערן לאָמיר,
אַ שערעלע, אַ בערעלע, אַ בייגל פאַר אַ סענט,
ס'איז מינסק, ס'איז פּינסק, בערעזנע און זשיטאָמיר,
האָבן זיך הייס גענומען פאַר די הענט.

דער שטיין

עס איז געווען אַ זומערדיקער טאָג,
און זומערדיקער טאָג איז אייביק שיין.
אויפן בית־עולם, אויף אַ ראָג,
האָט מען נעיטענען געשטעלט אַ גרויעם שטיין.
אין לאַנד פון רו,
די בערגלעך אין אַ ריי,
דער הימל נאָענט —
איבער זיי.
(דאָס גרינסטע אָרט
מיין אויג ציט צו —
ס'קען זיין — מיין אָרט
אין לאַנד פון רו.
ס'קען זיין עס וואַרט,
עס בענקט נאָך מיר.
אַ שטיין ועט זיין —
מיין שטילסטע טיר).
אַ נאָמען אויף אַ שטיין
דערשרייט, דערוועבט
דעם לעצטן פאָדעם נאָך :
— כ'האָב אויך אַמאָל געלעבט ! . . .

עס קומט אַהין דער ווינט,
שטילט איין די ניט־געלאָשענע פאַרדראָסן.
עס קומט אַהין דער ווינט
מיט טרייסטנדיקע שושקעריי־געזאַנגען:
— ליגט רואיקע, איך וועל דערגיין,
דערפליען — דאָרט, וואו איר זיינט ניט דערגאַנגען . . .
דער רעגן קומט אַהין —
דער אומעטיקער שלעפער
קלאַפּט אָן אין יעדן שטיין
אין שעה אין שפּעטער:
— זאָג אָן דיין שכן —
אַן אומעטיקע וועלט, עמק הבכא.
איך קען דעם אומעט ניט אַראָפּוואַשן, פאַרשווענקען —
זאָג אָן דיין שכן, —
אַן אומעטיקע וועלט . . .
ס'איז ניט כדאי נאָך איר צו בענקען.

עס איז געווען אַ זומערדיקער טאָג,
און זומערדיקער טאָג איז אייביק שיין.
אויפן בית־עולם, אויף אַ ראָג,
האָט מען נעיטענען געשטעלט אַ גרויעם שטיין.
די ערשטע איז די זון געקומען מיט באַזוך,
און וואַרעמקייט געבראַכט, און טרייסט צו אים,
און האָט מיט הייסער שטראַלנדיקער טוך
דעם שטיין אַרומגעטוליעט צאַרט און דין.
דאָס קליינע בערגל ליכטיקער האָט אויפגעגרינט,
די גראָזן נעענטער זיך צוגעלענט,
עס האָט דער שטיין דערהערט דעם מורמלענדיקן ווינט
און האָט אַ טרייסטנדיקע שטילע וועלט דערקענט.
דערנאָך זיינען געקומען ווייבער צוויי,
און טעכטער צוויי —
משפחה־לייט אין פאַמעלעכדיקער ריי.

דער חזן איז געשטאַנען — אַ פרעמדער מענטש.
און מעמבערס עטלעכע פון נעיטנס ברענטש.
דער שטיין שטייט ביי אַ סטיעזשקעלע אַ שמאָלע,
דער חזן האָט זיך צוגערוקט —
געגרייט זיך צום „אל מלא״.
בייביידע פרויען די פנימער האָבן געפלאַמט.
און ביידע האָבן מיט ווייסע טיכלעך דעם פלאַם געקילט.
דער גרויער שטיין מיט אָפּגעפיילטן ראַנד
די אויגן זייערע האָט טיף געמאַכט, געשטילט.
דער פעטער משה האָט צום חזן אַ נויג געטאָן דעם קאָפּ,
און אונטערן הימל, דעם בלויעם און דעם ריינעם,
האָבן ווידער־קולות אָפּגעענטפערט:
— — — שוכן במרומים — — — —
דאָס ערשטע ווייב האָט הויך, זיך יידישלעך צעוויינט,
און ס׳האָבן יאושדיק געציטערט אירע גרויע האָר.
— „אַהער איז מען געקומען — אַהער — — — —
נאָך אַזויפיל שווערע, טרויעריקע יאָר . . .״
ביים צווייטן ווייב געציטערט האָט אַ קין,
די טרערן האָלטן זיך צעשפליטערט אויפן ברעם,
דאָס פנים וויס,
דאָס פנים טוט זיך ניט קיין קרים.
און עלינאָר מיט בלייכן פנים — האָט אין זיך אַליין
אַריינגעלייענט ווערטער פון דעם טאַטנס שטיין.
אַכט קליינע שורות — געפאַרבט מיט שוואַרץ און גאָלד,
אונטער אַ ווירעלע פאַרגלייכט, געגראַמט,
האָבן מיט ליוב און שבח פאַר טויט געצאָלט,
דעם טאַטנס לעבן קורץ אַרומגעצאַמט:

„פּ. נ. — יהונתן בער,
אַ ייד אַ גוטער און אַן ערלעכער.

איש תם וישר,
וואָס איז געגאַנגען בדרך הישר.

ער האָט אָפּגעהיט די תורה
און געטאָן דעם רצון פון זיין בורא.

פון גוטן דרך ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ האָר
און אויפגעצויגן קינדער — אַן אָרנטלעכן, גוטן דור".

און עלינאָר האָט געפילט דעם טאַטן ערגעץ זייער נאָענט,
נאָך נעענטער ווי דאָס בערגל ערד,
און האָט דורך גלייכע שורהלעך פון שטיין
דעם טאַטנס לעבעדיקן קול געהערט.

אין מיטן ווינטער —
אין אַ וואָך פון פרעסט —
איז עלינאָר צו פריינט אַוועקגעפאָרן
ערגעץ אין דער וועסט.
און צו דער מאַמע האָט זי אַ בריוו געשריבן,
מיט קליינע אותיות אויף זייטלעך פיר.
עס הייבט זיך אָן דער בריוו מיט: „מאַטהער דיר".
די מאַמע האָט דעם בריוו געהאַלטן מיטביידע הענט.
נאָך פאַרן לייענען געהאַט שוין אַ געמיט אַ שווערן.
„זאָרג ניט, מאַמע, שרייבט עלינאָר,
איך וועל זיכער ניט פאַרלאָרן ווערן.
איך בענק נאָך דיר, דו ביסט אַ גוטע מאַמע,
נאָר ווייטער—וואָס וועל איך וואַלגערן ביי דיר זיך דאָרט?
איך פיל — איך האָב אין בראָנזוויל ניט קיין אָרט.
צום אָפּיס ווידער הין און אויף צוריק זיך שלעפּן . . .
איך גלויב דעם טאַטן — ער איז געווען גערעכט —
מען דאַרף ניט אָט אַזוי גלאַט אָפּגעבן אַ לעבן.
די ווערטער עטלעכע פון אים ירושה וויל איך נעמען.
וואָס איך וועל טאָן? לעבן מיט וועמען?
ווייס איך נאָך ניט.
ס'האָט קיינער מיר ניט אָנגעוויזן.
כ'וועל לעבן — וועל איך אפשר וויסן.

עס קען זיין — עס וואַרטן אויף מיר יאָרן שווערע,
נאָר עס געפעלט מיר ניט דאָס גוטע מזל
פון מיין שוועסטער סערע.
כ׳בין יונג. איך וויל ניט איינדרימלען,
און צוליב וואָס? וואָס קומט דערפון אַרויס?
און זאָרג ניט, מאַמע,
די וועלט איז גרעסער, ווי עס דאַכט זיך אויס ...״

— — — — — — — —

דער מאַמעס אויגן זיינען פול מיט טרערן.
זי זעט ניט מער די שורות,
נאָר זי קען די ווערטער, זי פלעגט זיי הערן ...
עס ציטערן איבערן בריוו די גרויע האָר,
איר טאָכטער ... די עלטסטע, עלינאָר ...
ווי ער, ווי נעיטן.. אויסגעטראַכטע וועלטן יאָגן —
און ס׳פילט די מאַמע: די אַלטע קלעמעניש,
דאָס אַלטע נאָגן
אַזוי־אָ איז באַשערט איר אַלע יאָר ...
און ס׳ציטערן איבערן בריוו די גרויע האָר.

די לעצטע באַגעגעניש

ס׳איז ניט געווען קיין הספד, קיין געוויין.
עס האָבן זיך געטראָפן —
דער גרויער הימל,
דער גרויער דייוויס,
און די מצבה נעיטנס —
דער גרויער שטיין.

אַ שטילקייט ליגט צווישן זיי,
די שטילקייט אייביק איז, און דורכזיכטיק און ריין —

אַ שטילקייט, ווי אַ חופּה איז פֿאַרצויגן,
איבערן גרויעם הימל,
איבערן גרויעם דייוויס
און איבער דער מצבה נעיטנס —
דעם גרויעם שטיין.

ביים גרויעם דייוויס דער קאָפּ אַראָפּגעזונקען.
ער האָט זיך צוגעזעצט לעם בערגל אויפֿן גראָז.
זיין פּנים שטיל,
זיין פּנים טונקל —
באַטראַכט ער די מצבה, מורמלענדיק: „אַזוי איז דאָס".
די פֿינגער — דינע ליכט — צעשפּרייט איבער די קני.
די בערגלעך — וועלטן אויסגעלאָשן —
אַ פֿויגל בלויז — פֿון איין וועלט צו אַ צווייטער
גיט אַ פֿלי.

עס רעדט צום שטיין דער גרויער דייוויס:
— דו ביסט שוין דאָ —
און איך בין אויך שוין נאָענט.
די שלאַכט געענדיקט —
און אַוועק פֿון פֿראָנט ...
מיר האָבן אָפּגעצאָלט, געסילוקט
אַלע חובֿות —
אַזוי רעדט שטיל צום שטיין
דער גרויער דייוויס.
נו וואָס ?
עס דאַכט זיך אפשר דיר,
אַז מיר האָבן פֿאַרשפּילט ?
אומזיסט געאַקערט,
אומזיסט געזייט ...
דאָס פֿעלד פֿון אונדזער לעבן, נעיטן,
איז זייער ברייט.
וואָס ס'איז געווען — איז גוט געווען.

ס׳גרייכט ווייטער — ווי דאָס אויג קען זען.
און ס׳דאַכט זיך מיר — דיין קול נאָך איצט
איך הער — — —
און ס׳ענטפערט אים דער גרויער שטיין:
„פ. נ. יהונתן בער״.
— דיין וועג דערגאַנגען — ביז צו פולער רו,
ניט אָפּגעטראָטן אויף צוריק.
און ס׳ענטפערט דייוויסן דער פויגל אויפן שטיין:
„טשיריק, טשיריק — ניט אָפּגעטראָטן אויף צוריק״.
— דיין וועג דערגאַנגען ביז צו פולער רו — — —
דו מיינסט מיר האָבן טעותן געמאַכט, זיך אָפּגענאַרט,
איז די מלחמה ניט געראָטן?
און אַלץ נאָך אונדז איז אָפּגעדאַרט,
און אונדזער שפור אפילו איז פאַרשאָטן . . .
דו מיינסט . . .
דער גראָער קאָפּ פון דייוויסן אַראָפּגעזונקען,
זיין פּנים שטיל,
זיין פּנים טונקל, צו דער נידער.
— אַ שאָד געוויס . . .
געשלאָגן זיך מיט אייגענע מיט ברידער —
אברמל, דוד, אָשר . . .
און ס׳ענטפערט אים דער גרויער שטיין:
„דאָ ליגט אַ ייד אַן ערלעכער,
איש תם וישר״.
— געוויס עס איז אין אויג אַ דאָרן —
די אייגענע ביי גרינע טישן — איישישאָקער מיניסטאָרן.
באַברילט די נעזער — שטאָלצע מאַנעקענען,
און ווילן מער דעם אַלטן דייוויס ניט דערקענען . . .
אין גרויסן וועג איז דאָ אַ באַרג אַראָפּ,
אַזוי דער וועג . . . געגאַנגען אָבער זיינען מיר אָן מורא — — — —
און ס׳ענטפערט אים דער גרויער שטיין:
„ער האָט געטאָן דעם רצון פון זיין בורא״.

דער גרויער קאָפּ פון דייוויסן אַראָפּגעזונקען.
זיין פּנים שטיל,
זיין פּנים טונקל — — —
אין גרויער שטילקייט — ווייסער שיין די האָר,
און ער באַטראַכט די לעצטע שורה אויפן שטיין:
„ער האָט געלאָזן אַן ערלעכן, אַ גוטן דור" . . .
און ס'קוקט דער גרויער דייוויס לאַנג אויף לעצטער שורה:
די הענט פאַרבראָכן אויף די קני.
— וועגן דעם דור? ס'איז אפשר נאָר אַ ווייטע בשורה,
נאָר ריידן וועגן דור איז נאָך צו פרי . . .
דו האָסט געקענט דעם וועג דעם גלייכן גיין —
ווי קומט דאָ, נעיטן, אַ פעלשונג אויף דיין שטיין?
זאָל זיין — געוועזן אין דיר אַליין אַ פּגם?
און אויך אין מיר מסתם?
און אפשר — ווער וויסן קען —
וואו ס'הייבט זיך אָן דאָס גוטע, וואו ס'ענדיקט זיך דאָס שלעכט —
און אפשר איז די לעצטע שורה, נעיטן,
אויך גערעכט?
עס איז ניטאָ קיין ערלעכער — און אַ פאַרשפּילטער קריג . . .
און ס'ענטפערט אים אַ פויגל אויפן שטיין:
„טשיריק, טשיריק — — —
עס איז ניטאָ קיין ערלעכער — און אַ פאַרשפּילטער קריג".
— און אויב די שפּורן זיינען דאָך פאַרשאָטן — — —
ס'איז בלויז אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן . . .
וואָס איינמאָל איז געווען — איז שוין געוויס געווען.
ס'גרייכט אפשר ווייטער ווי דאָס אויג קען זען.

דער גרויער קאָפּ פון דייוויסן אַראָפּגעזונקען.
זיין פּנים שטיל,
זיין פּנים טונקל.
די פינגער — דינע ליכט — צעשפּרייט איבער די קני —
די בערגלעך, די מצבות — וועלטן אויסגעלאָשן —
אַ פויגל בלויז — פון איין וועלט צו דער צווייטער גיט אַ פלי.

בדיחות

קנאת סופרים תרבה חכמה

קנאת סופרים תרבה חכמה —
כ׳וואָלט וועלן זען דעם תנא פון דעם שפרוך.
ער האָט מסתם געשמייכלט מיט הנאה,
דער קלוגער תנא פון נהרדעא,
אין שעה פון בדיחה —
האָט דאָרן זיסקייט פון אַ פרוכט.

נאָר כ׳קען ניט, קלוגער תנא, אויפנעמען דיין אמת,
און ס׳האָט אַ ביטערקייט מיין האַרץ געגאָגט,
ווען ס׳האָבן זיך צעסקריפּעט בייזע פּענעס,
ווי איוב כ׳האָב פאַר גאָט געקלאָגט:

מיין גאָט,
דו האָסט מיר ניט דערציילט, געלערנט,
אַז ס׳איז דיין גרינע בלאָט אפילו —
דורכגעווערימט.

דו האָסט מיך ניט געוואָרנט,
אין ריינער קינדהייט־שעה,
אַז ס׳איז אין ווייסן טלית אפילו —
שעטנז דאָ.

דו האָסט מיר ניט פאַרטרויט, געזאָגט,
אַז אין דער ריינסטער פידל —
דעם סמיק דער שטן נאָגט.

מיין גאָט,
אַט אין אַ וועלט אַזאַ,
דו זעסט איך בין פאַרלאָרן.
אַט פאַר אַ וועלט אַזאַ —
צו שוואַך מיין קליינער אָרעם.

דיין שולד — טאָ גיי אַראָפּ,
און מיינע גלידער גיב אַ רוף.
דיין שולד —
לייג דעם צוריקוועגס
פאַר מיין דאַרן גוף.

ערשט איך פיל: ס'איז אַ געוויטער,
עס גיט די גאַנצע שטוב אַ ציטער.
אַ וואַנט איז אָפן —
און זיבן דורות באָבעס שטייען
און מיך שטראָפן:

„פע, טאָכטער, האָסט פאַרזען,
ווער זיינען דיינע שונאים דען?
פאָדסקריבעס עפּעס זשלאָבעס,
דו האָב קיין מורא ניט,
פאַרלאָז זיך אויף די באָבעס.

דעם ליבן פידלער דוד —
מיר וועלן אים פאַר אַלע פּאָלעס ציען,
און אויך די פיר אמהות,
פאַר דיר וועלן זיך מיען.

אַ רוף טאָן דבורה, מרים —
די קאָלעגינסביידן —

גלויב אונדז — מיר קענען
אויפעפענען דעם גן־עדן".

די טרייסט געזאָגט —
און שוין ניטאָ.
ווי קיינמאָל ניט געווען
די העלע שעה.

עס שטייט די וואַנט —
אַלץ ווי געווען,
נאָר כ'שווער, די זעאונג
כ'האָב געזען.

די זעאונג כ'האָב געזען —
אַ זוניקע, און קלאָר און צייטיק.
בייטאָג איז דאָס געווען,
אין טאָג פון קורצן פרייטיק.

און אפשר, קלוגער תנא,
דו האָסט דאָס געזוכט —
דעם דצרן זיס מאַכן פאַר מיר,
ווי זיסן פרוכט.
אַ דאַנק דיר, גוטער תנא,
כ'האָב פאַרשטאַנען דיך ביז גרונט,
און איך בעט דיך, גוטער תנא,
ס'זאָל זיין אי מיר, אי אַלע צו געזונט.

סינסינעטי

עס האָבן קליינע כרובימלעך,
פון ליבן נאָמען די שטאָפעטן,
ביים רבונו עולם זיך גענומען בעטן:

גאָט,
מיר האָבן גרינע בערג געזען
און געלע פייגעלעך מיט רויטע עפּאָלעטן,
זיי אַזוי גוט, באַשאַף דאָרט סינסינעטי.

האָט מען באַלד גענומען
ציגל טראָגן,
וואַסער שעפּן,
פּוטער שלאָגן,
בולקעס קנעטן.
און די קליינע כרובימלעך זיי בעטן:
גאָט, זיי אַזוי גוט, מאַך אונדז אַ שיינע סינסינעטי.

האָבן בערג זיך פאַר די הענט גענומען,
אויפגעגרינט מיט גראָזן,
אויפגעבלומט מיט בלומען,
אויפגערוישט מיט שטראָמען
און מיט שיינע מיידלעך מיליאָנען.
און די קליינע כרובימלעך זיי בעטן:
גאָט, זיי אַזוי גוט, מאַך אונדז אַ פרומע סינסינעטי.

האָט מען אויסגעבויט דאָרט סעמינאַרן
מיט רבנים, גרויסע האַרן,
מגולחים און דרשנים,
טיפע שפּרעכער,
מיט אַ פּעכער

אויסגעדרייט אין אונדזער תורה
פערצן קנייטשן, פופצן לעכער.

האָבן קלײנע כרובימלעך
טויט און פייער זיך דערשראָקן,
זיך צעבוצקעט און צעלאָפן.
— אוי און וויי ס׳איז אַ מפּלה!
און ביים גוטן אליהו
זיך באַהאַלטן אין אַ פּאָלע.

שטראָפט דער אַלטער זיי מיט גוטן,
שאָקלט אויס זיי פון די פּאָלעס:
וואָס דאַרפט איר זיך, קלײנוואַרג, מישן
אין דעם ביטער־שווערן גלות?

אָטאָ האָט איר דאָך אַ ראיה
פון סינסינעטי אין אָהאַיע.
פליט זשע, כרובימלעך, בשלום אין גן־עדן
און מער זאָל מען דערפון ניט ריידן.

נאָר אַ זכר איז געבליבן —
ס׳האָבן פאָרט פאַר איר די כרובימלעך געבעטן,
און עד־היום איז פאַרבליבן
שיין אויף וואונדער סינסינעטי.

אום די כרובימלעך צו טרייסטן
זיי זאָלן ביי זיך ניט פאַלן,
זינגען דאָרט אויףביימער מיינסטן
פרומע פייגל — קאַרדינאַלן.

כ׳האָב אַזעלכע פייגל ניט געהערט נאָך קיינמאָל.
זיי מאַכן בלוי די נעכט און וויגנדיק די בעטן.

װער עס האָט געהערט זיי אײן מאָל,
בלײַבט פֿאַרקאָכט אין סינסינעטי.

ס'האָט דאָרט מײַן האַרץ געקלעמט,
געבעטן רעטע,
װאָס מײַן יוגנט איז דערטרונקען שױן אין לעטע.
אַך װי גוט עס װאָלט געװען,
ס'זאָלן כרובימלעך פֿאַר מיר אױך בעטן:
— גאָט, זײ אַזױ גוט,
זאָל זי װידער אַלט זײַן אַכצן יאָר
און װאױנען אַכצן יאָר אין סינסינעטי.
אַלץ אין סינסינעטי,
אַלץ אין סינסינעטי.

אַ מעשה וועגן אַ קייסער
מיט זעקס גענעראַלן

זיבן פֿליי האָבן זיך פֿאַרפּוצט אין היטלען,
שניפּסן אָנגעטאָן,
שטיוועלעך באַשטעלט.
זיבן פֿליי האָבן מיט אַלע מיטלען
באַשלאָסן איינצונעמען די וועלט.

און כדי מען זאָל גלויבן די פֿליי —
האָבן זיי איינעם פֿון זיי פֿאַר אַ קייסער געמאַכט.
מיט אַ טראָן און מיט אַ קרוין
און מיט אַ זיידענער טראַכט.

די פֿליי ט׳באַדאַנקט, די קרוין זיך אָנגעטאָן
און האָט זיך פֿיין פֿאַרנויגט דערביי.
און די זעקס פֿליי געזעצט לעם טראָן,
פֿון דער זייט דריי,
און פֿון דער זייט דריי.

דער קייסער האָט זיין וואָרט געזאָגט:
אַז זייער חכמה איז דער טיפֿסטער קוואַל,
און יעדערער פֿון זיינע פֿליי,
פֿון דער זייט דריי, און פֿון דער זייט דריי,
דערלאַנגט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

זיינען געוואָרן די זיבן פֿליי
(מענטשן לויפֿן,
קינדער פֿאַלן)
זיינען געוואָרן די זיבן פֿליי —
אַ קייסער מיט זעקס גענעראַלן.

און ביי חכמים האָט צעפּלאָקערט זיך
אַ וויכוח און אַ קריג אַ הייסער:
אַז סע קריגט אַ קרוין,
און סע קריגט אַ טראָן —
צי ווערט אַ פליי אַ קייסער?

פונדעסטוועגן, מיינע ליבע לייט,
טוט מיר אַ געפעליקייט,
אַז איר וועט טרעפן אונדזערע זיבן פליי,
זאָלט איר בראַוואָ פּאַטשן זיי.

פּאַפּאַפּירוס און די אייביקע ליבע

חנה ספּעקטאָר אַ מתּנה.

אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ:
ס׳איז אַ ווערטל אין אַראַביש, ס׳איז אַ שפּרוך: —
ווער ס׳וועט וועלן פון דיר לאַכן,
סוראַמאַיאַ — איז אַ שוך.

◆

אין דער אַלטער שטאָט ווערמיזע
איז געלעגן אין אַ גניזה,
אונטער שטויב פון זיבן שלעסער,
ביי אַן אַלטיטשקן פּראָפעסאָר
מיטן נאָמען פּאַפּאַפּירוס
און פאַרשריבן אויף פּאַפּירוס,
אוי אַ שיינע מעשה,
אַן אַלטע און אַ נייע —
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

בלויז פּאַר איינציקע, דערוויילטע
וועט זי זיין אַן אויסדערציילטע.
בלויז פּאַר די, וואָס קענען קלערן
מיט אַן איינגעקנייטשטן שטערן,
צי אין צייטן קלעאָפּאַטרעס
איז געווען שוין דיני שעטנז,
אין בבל, צי זיינען געווען
דרייצן געטער, אָדער צען?
צי די מעשה איז אַן אַלטע,
צי, חלילה, גאָר אַ נייע?
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

נאָר מיר פּשוטע בר נשן,
ווילן אויך פון מעשות נאַשן,
דורכן לעכל פון דעם שלאָס
איבערכאַפּן אות נאָך אות,
חצי רוימיש און אַראַמיש,
אויסלייגן אויף טאַטע־מאַמיש.
און אויב דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר
מיינט, — ער ווייס די מעשה בעסער
און דער גראַם איז אים ניט ניחא,
מאַכן מיר דערפון אַ בדיחא,
אַ רעטעניש, אַ ברייע —
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

◆

מיינע ליבע הערן, דאַמען,
אַט דאָס זיינען די מטעמים,
וואָס פון אונטער דיקע שטויבן
האָבן מיר אַרויסגעהויבן,
פון די טעקסטן און אַרכיוון
און באַשריבן דאָס בכיוון
מיט אַן אַלטמאָדישן יאַמב,
צוגעפּוצט און צוגעקאַמט.
און עס פעלט דאָ ניט קיין פּרט.
אויב ס'איז ערטערווייז ניט גלאַט —
צי אַ סרחה, צי אַ מעק —
איז דאָס דאָרט, וואו דער פּראָפעסאָר
האָט געשוויצט אין הייסע טעג.

◆

אין אַ מדבר צווישן ימען,
הויכע, דאַרע קעמלען שפּאַנען,
טראָגן אויף די דאָפּלט־האָרבן
קאַסטנס, קעסטעלעך און קאָרבן.

װיגן זיך די הױכע קעמלען
און די טרײַבער זיצן, דרעמלען,
חלומען אַן אַלטע ליד,
און דער מדבר חלומט מיט.
פירן פירט דעם קאַראַװאַן
דער שװאַרצאױגיקער כאַסװאַן.
אױף אַ צװײַגל, װי אַ פענדל,
האַלט ער הױך אַ רױטן בענדל —
— אַזױ דערצײלט דאָס אַלטע ליד,
אַזױ זינגט די חבריא —
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

◆

גײען קעמלען שפּאַן נאָך שפּאַן.
ס'איז דער מדבר, װי אַ ים.
ס'הױבן זיך דאָרט ראַנד אױף ראַנדן
שװערע כװאַליעס אין די זאַמדן.
קוקט כאַסװאַן, די אױגן גליען,
און ער זעט אַ תמר בליען
בײַם ברעג פון ים. דער ים איז בלױ.
כװאַליעס װאָיען אַ געװאָי.
און בײַם ברעג באַדעקט מיט שום
ליגן שטײנער גרין און ברױן.
אױף אַ שטײן איז דאָרט געלעגן,
בלענדנדיק מיט זיבן ברעגן
און פאַרפלאָכטן צען אין צענטל
פון אַ צאָפּ אַ פורפור־בענדל.
האָט כאַסװאַן עס אױפגעהױבן
און פאַרגעסן ערד און אױבן.
און עס האָט דערפילט כאַסװאַן,
אַז אַ כישוף איז פאַראַן
אין דעם בענדל װאָס עס גליט.

און ער איז דאָ צוגעשמידט.
אַ כישוף, יע אַ כישוף,
זיין מזל איז אַ ראיה.
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

♦

פּאַפּאַפּירוס אַ פאַרקלערטער,
זיצט שטודירט די אַלטע ווערטער,
וויל דערקונדיקן אויף זיכער
פון כתבים און פון אַלטע ביכער:
— פון וואַנען טאַקע שטאַמט כאַסוואַן,
פון כוש אָדער פון לאַנד כנען?

ווען מיר אים איבערלאָזן
אַלטע כתבים אָפּצובלאָזן,
ווייל עס וואַרט אויף אונדז איצט גראַד
כאַסוואַן געפּלעפט אין כישוף־ראַד.

♦

אַ גאַנצן טאָג און ביז פאַרנאַכט
האָט כאַסוואַן לעם שטיין געוואַרט,
ביז ס׳וועט קומען די פּרינצעסן
זוכן, וואָס זי האָט פאַרגעסן,
און אין העלן זונען־ברען
האָט ער איר געשטאַלט געזען.
ס׳רויטע בענדל אויף זיין האַנט
ליכט און ציטערט, לאַכט און פלאַמט.
די זון ט׳געגנומען נידערן,
דער תמר שטילער פיבערן,
און ס׳האָט כאַסוואַן דערזען זיין גליק,
חנהלע די „יונגע ציג"
איז געלאָפן באַרג אַראָפּ,

אַן אַ בענדל אין איר צאָפּ.
איר קליידל פלאַטערט אויפן ווינט,
און ס׳פלאַטערט זיין אַבאַיע.
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

◆

זאָגט צו איר אַזוי כאַסוואַן:
— „כ׳פאַרמאָג דעם גרעסטן קאַראַוואַן,
קעמלען צען מיט הויכע האָרבן
טראָגן טרויבן אין די קאָרבן.
ווייַן איז שטאַרק און ווייַן איז זיס,
זאָג מיר, ווי דיין נאָמען איז?"
— „כ׳האָב צוויי נעמען: איינער חנה
און דער צווייטער — רעננה,
נאָר ווייל כ׳פיטער אין די בערג
קליינע ציגעלעך, ווי צווערג,
שפּרינג איך מיט זיי הין און צוריק,
רופט מען מיך: די ׳יונגע ציג׳".
זי האַלט דאָס פּנים אין די הענט
און זי לאַכט און רעדט פאַרשעמט:
— „כ׳בין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר,
און דאָס בענדל פון די האָר
איז מיר ערגעץ אומגעקומען,
כ׳האָב געזוכט און ניט געפונען".
פלוצלונג הייבט זי אָן צו וויינען:
„שכנים וועלן פון מיר לאַכן,
וואָס כ׳פאַרליר די בעסטע זאַכן,
און דאָס שענסטע, וואָס איך האָב —
דאָס רויטע בענדל פון מיין צאָפּ.
איך ווייס, עס איז אַ שלעכטער סימן,
אויב איך וועל עס ניט געפינען.
ס׳ווערן די לבנות רויט

און מען בלייבט אַן אַלטע מויד״.
און זי וויינט, די טרערן פאַלן:
ווײ און ווײ און וואַיע —
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

♦

פאַפאַפירוס האָט פאַרדראָס:
ס׳איז אויסגעמעקט אין טעקסט אַן אות.
און דער אות האָט אים פאַרפירט —
ווען די מעשה האָט פאַסירט.
ווען? ביי וועלכעווירטשאַפטלעכע תנאים?
פאַר, צי נאָך די חשמונאים?
מיט אַן אומעט, מיט אַ שטילן,
ווישט ער אויס די גראָבעברילן
און ער מאַכט אַ היפּאָטעז,
אַז ס׳איז אַ „ה״ אָדער אַ „חית״.
נאָר מיר האָבן נישט קיין צייט
פאָרשן, וואָס דער „ה״ באַטייט.
ווייל מיר זיינען שטאַרק אין שפּאַן
הערן, וואָס עס זאָגט כאַסוואַן.
— „וויין ניט, שיינע ׳יונגע ציג׳,
ס׳רויטע בענדל איז מיין גליק,
איך האָב עס אַליין געפונען
אויפגעהויבן, צוגענומען,
ביי מיין האַרצן עס באַהאַלטן,
אייביק, אייביק כ׳וועל עס האַלטן.
ווען פון גראָז וועט אַראָפּ דער טוי,
און דער קאָפּ וועט ווערן גרוי,
וועט דאָס רויטע בענדל זיין
פאַר מיר דער העלער זונען־שיין״.
דאָס איז אַ שיינע מעשה

די ליבע, די געטרייע —
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

◆

אַט אַזוי איז אונדזער וועלט,
ס׳איז יעדער מיידלס האַרץ פאַרשטעלט.
אַ צווייטער אַוונט איז געווען,
און ס׳איז געקומען אַלי־בען.
אַלי־בען אַן אייזל־טרייבער,
און דערצו אַ שירים־שרייבער.
נאַר אַך און וויי צום אַרעמאַן,
פאַרמאַגט ער ניט קיין קאַראַוואַן.
פילט אַן אומגליק אַלי־בען,
ווייסט ער, ס׳איז אים שלעכטס געשען.

— זאָג מיר, ענטפער „יונגע ציג״,
פאַרוואָס פאַרשלאָסן איז דיין בליק?
פאַרוואָס האָלסט נידעריק דעם קאָפּ?
וואו איז דאָס בענדל פון דיין צאָפּ?

ווערן וואָלקנס שוואַרץ און דיק
און ס׳ענטפערט אים די „יונגע ציג״:

— זאָלסט זיין וויסן, אַלי־בען,
אַז כסאַוואַן איז דאָ געווען.
זיסע ווערטער אויף זיין גומען,
ס׳רויטע בענדל צוגענומען.
ס׳איז ניט קיין שיינע מעשה
זאָגן רבא און אַביי.
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

◆

אַלי־בען זיין אייזל שפּאַנט,
נעמט די שאַרפע שווערד אין האַנט:

— חמרא, קום מיט מיר אין קריג,
אָדער טויט, ענטווידער זיג.
שאָקלט חמרא מיט אַן אויער:
— אַלי־בען, כ׳פאַרשטיי דיין טרויער.
ס׳הענגט דיין מזל אין דער נידער.
ס׳העלפן דיר ניט דיינע לידער.

פליט די חמרא ווי אַ פייל,
יעדער טראָט איז זיבן מייל.
אַלי־בען דעם שונא וואַכט,
גרייט צו גיין אין הייסער שלאַכט.

די שונאים האָבן זיך געטראָפן,
שווערדן קלינגען, ס׳רוישט דער וואָפן.
קעמל שטויסט מיט האַרטע האָרבעס,
חמראס אויערן, ווי טאָרבעס,
און די חמרא גיט צוריק
מיט די קאָפּיטעס אַ בריק.
דריי מעת לעת גייט אָן די שלאַכט
סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט.
ס׳רויטע בענדל פלאַטערט, פלאַטערט,
אַלע זייבען שוין פאַרמאַטערט.
נאָר וואָס איז לעבן — אין אַ קריג?
ס׳רויטע בענדל איז דאָס גליק.
ווער דאָס בענדל וועט באַקומען,
האָט אַלע וועלטן איינגענומען.
דאָס איז אַן אַלטע מעשה,
אַזוי זינגט די חבריא,
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

◆

נאָר פּאַפּאַפּירוס איז פאַרקלערט,
ווי האָט אויסגעזען די שווערד?

צי צווישאַרפּיק מיט אַ שפּיץ,
צי געדרייט ווי רונדער בליץ?
צי פון אייזן, צי פון שטאָל,
צי פון קופּער גאָר אַמאָל.

◆

ווילן מיר מיט אים ניט טראַכטן,
ניט פון טויט־געווער און שלאַכטן.
ס'טוט דאָס האַרץ אונדז סיי ווי ווײ
אויף די קעגנער, אויף די צוויי,
און וואָס איז מיט זיי געשען,
מיט כאַסוואַן און אַלי־בען?

ס'האָט כאַסוואַן ניט אָפּגעגעבן,
ס'רויטע בענדל — טרייסט פון לעבן.
נאָר בלויז אין הימל הענגט דאָס גליק,
ס'האָט חנהלע די „יונגע ציג",
זאָל אונדז, ווייבער, ניט פאַרשאַטן
ביידע יונגעלייט פאַרראַטן.
דערזען אַ יונג מיט געלע קנעפּ,
און אים אָוועקגעשענקט די צעפּ.
דאָס איז אַן אַלטע מעשה:
ניטאָ קיין חנה קיין געטרייע —
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

◆

איצט איז שוין די שלאַכט פאַריבער.
שוין פאַרגעסן ווײ און פיבער.
נאָר אין מדבר, ווי אַ פענדל,
גליט און פלאַטערט ס'רויטע בענדל,

װען מען זינגט דאָס אַלטע ליד
און די קעמלען שפּאַנען מיד.

◆

פּאַפּאַפּירוס, מײַן בקשה,
מאַך דעם עסק מיר ניט קשה.
און די גרײַזן פֿון געשיכטע
זאָלן בלײַבן ניט פֿאַרריכטע.
טאָמער, אפשר פֿילאָלאָגיע,
אָדער טאַקע כראָנאָלאָגיע . . .
זאָל דאָס זײַן אַזוי פֿאַרשטאַנען:
גרײַזן, פּונקט װי בלומען, װיאַנען.
דאָס איז אַן אַלטע מעשה.
שוין דערציילט און דיה —
אַלי בידכאַק אַלעקי — סוראַמאַיאַ.

מיין געשפּאַן

שפּאַן איין די אַלטע פעדער
און די אַלטע כאַדאַקעס שפּאַן איין.
אַ שמיר די טרוקענע רעדער —
מען לאָזט זיך אין וועג אַריין.

דער טאָג איז שוין פאַרענדיקט,
און דאָס איז דאָך אַ גליק.
דער טאָג מיינער איז שטענדיק
אַ האַרטער, שווערער קריג.

פאַרנאַכט די לעצטע סטאַנציע
און דער לעצטער שטראַל.
עס כליפּעט אויפן שלאַכט־פעלד
דער פאַרשפּילטער גענעראַל.

אַך, מיין שיין כלי־זין
אין דעם בלוטיקן קריג,
אַ טייטל פון אַ מלמד
אַנטקעגן אַן אייזערנער פּיק.

און מיינע פּאָר כאַדאַקעס,
ווי ס'וואָלט זיי אַ כישוף געבויט —
זיי שטייען געשפּאַנטע און שטאַרקע,
ווי מענדעלעס אייביקע בויד.

זיי שטייען האַרטע און סקאַראַוועס
לעם מיין צעשאָטענעם בעט,
זיי שטייען פאַרעקשנטע און בראַווע
ווי אַ נאַר אין פאַרשפּילטן געוועט.
נעם איך ווידער מיין הילצערנע טייטל,
און מיין מאָדנער געשפּאַן איז געשפּאַנט.
צי אַ שפּרונג, צי אַ זכות, צי אַ רוח
פירט מיך אין וועג פאַר אַ האַנט.

אין שטאַל פון לעבן

מײַן אָרעמער פּעגאַז גייט צופוס.
אי ער, אי איך — מיר האָבן ביידע שוין פאַרגעסן שוועבן.
די וועלט איז זייער קליין,
עס טריקנט אויס דער ים.
איך האָב דעם ווילדן סוס אײַנגעשפּאַנט אין שטאַל פון לעבן.
שלעפּן מיר זיך ביידע שפּאַן נאָך שפּאַן.

און ווער האָט אָפּגעשאָסן פליגלען זײַנע ?
און ווער האָט אָפּגעגריזשעט שפּיץ פון פען ?
די זון פאַרגייט, די שויבן בלוטיק שײַנען.
אָט ענדיקט זיך די זון. אָט ענדיקט זיך מײַן זען.

קומט, שורות, שטעלט זיך אויס, גיט מיך אַ הויב.
איר זענט מײַן שוץ און אויך מײַנע באַפעלער.
איך קען ניט איבערגיין דעם צאַם פון שפּינוועבס און פון שטויב
און ס׳ווערט מײַן פעלד אַלץ טונקעלער און שמעלער.

וואָס טויג באַרימעריי, וואָס טויג ?
וואָס טויג אַ מעשה נאָך אַ מעשה קנעטן ?
נישט שטיי, פּעגאַז, צו נאָנט לעם היי פון סטויג,
דו קענסט, חלילה, ווערן אַ חמור מיט עפּאָלעטן.

אַ וויזיט

מיין פריינט, דער כינעזער קיין־קאַ־טאָוועס לי,
צוויי צעפּ פאַרפלעכט ער אַלע אינדערפרי,
אַז מען זאָל וויסן פון ניו־יאָרק און ביז טשאַן־קין,
אַז ער איז קיין עין הרע דער גרעסטער מאַנדאַרין.

ליגט מיר איצט ניט מער אין קאָפּ
זען, ווי שיין עס איז זיין צאָפּ.

און מיט אַ צעטעלע אַ בריוו־טרעגער, אַ טייבל פליט,
אַז קיין־קאַ־טאַ־וועס מאַכט מיר אַ וויזיט,
פון היינט און פונקט איבער אַכט טאָג,
דער מאַנדאַרין, די מאַנדאַרינקע, און זייער טעכטערל „קעפּל־צוואָג״.

ליגט מיר איצט ניט מער אין קאָפּ
שפּילן מיטן „קעפּל־צוואָג״.

זיבן טעג האָב איך געוואַשן און געשייערט,
זיבן טעג האָב איך אויף מיין מאַן געפייערט,
זיבן נעכט געטראַכט אַהער־אַהין,
ווי זאָל איך אויפנעמען דעם גרויסן מאַנדאַרין.

ס'איז גרינג אַזוי זיך טאָן אַ זאָג —
דעם מאַנדאַרין, די מאַנדאַרינקע, און זייער טעכטערל „קעפּל־צוואָג״.

די זון האָט זיך צעלויכטן זייער העל,
די פייגעלעך האָבן געזונגען ביי מיין שוועל,
און עס איז געקומען פונקט איבער אַכט טאָג,
דער מאַנדאַרין, די מאַנדאַרינקע, דאָס מאַנדאַרינטשיק „קעפּל־צוואָג״.

זיבן מאָל האָב איך זיך צו זיי געניגט,
זיבן מאָל האָב איך זיך צו זיי געבוקט,
זיבן מאָל די האַנט צום האָרץ געלייגט,
און זיבן מאָל צום הימל כ׳האָב געקוקט.

און דערנאָך געטאָן אַ זאָג,
צום מאַנדאַרין, צו דער מאַנדאַרינקע, צום מאַנדאַרינטשיק „קעפל־צוואָג״:

איר שיינט מיר אַלע ווי די זון,
איר קוויקט מיך, ווי די לאָטאָס־בלום.
דער הויכער נאָמען קיין־קאָ־טאָ־וועס לי
איז פריש, ווי טוי שבועות אין דער פרי.

און איך האָב צו זיי געמאַכט די שענסטע מינע,
דריי זיך, ריר זיך, קרינאַלינע.

האָבן די געסט זיך זיבן מאָל געניגט,
האָבן די געסט זיך זיבן מאָל געבוקט,
די הענט צום האַרצן זיבן מאָל געלייגט,
און זיבן מאָל צום הימל זיך פאַרקוקט.

דערנאָך צו מיר געטאָן אַ זאָג,
דער מאַנדאַרין, די מאַנדאַרינקע, דאָס מאַנדאַרינטשיק „קעפל־צוואָג״:

— ביסט זיס, ווי הימל־מאַנדלען צו דעם גומען,
דו קוויקסט אונדז בעסער, ווי די לאָטאָס־בלומען,
דו לויכסט אונדז ווי דער שטערנגאַנג אין כינע,
אין קאַרשן־סאָד פון בראָנזווילער מדינה.

דערנאָך האָבן מיר אַלע זיך געזעצט,
די ליפּן מיט האָניק־זאַפט באַנעצט.

און פֿלוצלינג זיך צעוויינט און אויפֿן קול.
עס איז אונדז שלעכט, עס איז אונדז ביטער,
אין אַלע לענדער אַלע מאָל.

און ס׳האָט געוויינט דער מאַנאַדרין,
און ס׳האָט געוויינט די מאַנדאַרינקע,
און איך האָב אויך געוויינט אַ ביטער קלאָג,
און ס׳האָט געוויינט דאָס קליינע „קעפּל־צוואָג“.

דערנאָך האָבן זיך די געסט גענומען הויבן,
פֿון קליידער אָפּבלאָזן די שטויבן,
זיך זיבן מאָל גענומען ווידער בוקן,
און זיבן מאָל צום הימל ווידער קוקן.

האָב איך געבוקט זיך און די געסט באַגלייט,
און זיבן מאָל באַרירט די קרינאָלינע־קלייד.
געזעגנט זיך ביזן שוועל און ביז דער טיר פֿון פּראָנט,
און נאָכאַמאָל די לאָטאָס־בלום דערמאָנט.

◆

פּלי זשע איצטער, בריוו־טרעגער, מיין טייבעלע, מהר־ראַפּיד,
מעלד אָן דעם מאַנדאַרין מיין צוריק וויזיט,
פֿון הײַנט און פּונקט איבער אַכט טאָג,
דעם מאַנדאַרין, דער מאַנדאַרינקע, דעם מאַנדאַרינטשיק „קעפּל־צוואָג“.

עס ליגט מיר מער נישט איצט אין קאָפּ,
זען ווי שיין עס איז זיין צאָפּ.

מאָרגן וועט זיין יום־טובֿ

וואָכעדיקע לאַנגע טעג
און קיין שמחה איז נישטאָ.
פרעגט מען, ווען וועט יום־טוב זיין,
ווען איז שוין אַ יום־טוב דאָ ?

דערציילט מען סודי־סודות,
און אַלע זיינען עדות,
אַז אין ירושלים,
קומט יום־טוב אחת, שתים,
ווייבער לושטשען אַרבעס,
ציגן אין קאָקאַרדעס,
קינדער פון בית־רבן
שפּילן זיך אין קאַטשקע־האָן.

מאָרגן וועט זיין יום־טוב,
מאָרגן וועט זיין יום־טוב.

ווי זשע זאָגט מען יידן אָן,
אַז אַ יום־טוב קומט שוין אָן ?

צינדט מען פייער אויף הר־המשחה,
לעם דער שטאָט סרטבא (סאַרטאַווע).
מאָרגן וועט שוין יום־טוב זיין,
אויס יאָגעניש, אויס האַווע.

דערזעט מען אין גרופּינע
ווערט פריילעך די מדינה,
און פון גרופּינע זאָגט מען אָן
אין דער נאָענטער שטאָט חורן (כאַוראָן).
מאָרגן וועט זיין יום־טוב,
מאָרגן וועט זיין יום־טוב.

לויט אַ מנהג גאָר אַן אַלטן,
איז חורן מודיע בלתין (באַלטין);
ס׳איז ערב יום־טוב אין חורן,
גרופּינע און סרטבא,
מאָרגן וועט שוין יום־טוב זיין,
אויס יאָגעניש, אויס האַווע.

מאָרגן וועט זיין יום־טוב,
מאָרגן וועט זיין יום־טוב.

צינדט מען פייערן אין בלתין,
אַזש דער הימל טוט זיך שפּאַלטן.
גייט די בשורה רונד אַרום,
צו אַלע יידן אומעטום:
עס יום־טובט זיך אין בלתין,
ס׳איז ערב יום־טוב אין חורן,
גרופּינע און סרטבא.

מאָרגן וועט שוין יום־טוב זיין,
אויס יאָגעניש, אויס האַווע.

מאָרגן וועט זיין יום־טוב,
מאָרגן וועט זיין יום־טוב.

און אין ירושלים,
קומט יום־טוב אחת, שתים.
ווייבער לושטשען אַרבעס,
ציגן אין קאָקאַרדעס,
קינדער פון בית־רבן
שפילן זיך אין קאַטשקע־האָן.

מאָרגן וועט זיין יום־טוב,
מאָרגן וועט זיין יום־טוב.

אינהאַלט:

אל חנון

אל חנון — 3
אַ בריוו צו אליהו הנביא — 5
אין אַ סדר-נאַכט — 8
אַ ליד צו מיין היים — 10
בריוו פון געטאָ — 11
אַ ליד וועגן זיך — 12
צו אַ קינדס פּאָרטרעט — 14
צו אַ קינד אין געטאָ — 15
זיי רופן היינט צו מיר — 17
צו די קינדער פון טוואַרדע-גאַס — 18
נאַכט — 20
עכאָ — 22
דער ווינט — 23
דער בעל-תקיעה — 24
ווערטער זיסע — 25
יידן — 26
אַ בריוו כ'האָב באַקומען — 27

אָנבאַט

אָנבאַט — 28
אָן ווערטער — 29
לעצטער רוף — 30
מיין גן-עדן — 31
אין דער גרויסאַרטיקער וואויגונג
פון דער אייביקייט — 33
געזעגענונג — 34
אַוועק די וועלט פון נעכטן — 36
זון-פאַרגאַנג — 37

דאָס איז אַן אַלטע מעשה

דאָס איז אַן אַלטע מעשה — 38
דער גרינער טיש — 40
ביז אייביקן פינאַל — 41
אין זוניקייט פון מאַי — 42
אַ טאָג פאַרגייט — 43

ביינאַכטיקע געסט

ביינאַכטיקע געסט — 44
נאַכט — 46
חד גדיא — 47
אַ ליד וועגן זיך און וועגן רעגן — 49
ווער דאַרף זי דאָ איצט? — 51
די גאָלדענע בלאַט — 52
נאַכט פון אַ פולער לבנה — 54
די נישט דערצייילטע בלאַט — 55

שיר המעלות

שיר המעלות — 57
נעילה — 59
נאַכט פון געוויטער — 60
אוי מה טוב — 62
באַדעקנס — 64
אַ תפילה — 65
אויף אַ באַרג אַ הויכן — 66
אַ ניגון — 67

טויטער שבת

טויטער שבת — 68
דער דודע-שפּילער פון סדום — 71
דער מלך דוד אַליין איז געבליבן — 74
אַ קרובֿ — 75
הבדלה — 76
דער פּאַסטאַך פון גשן — 77

דער ווינטערדיקער בוים — 81
עס קומען ניט מער קיין בריוו — 82
אַ תּפילה — 83

פּאַפּירענע בריק

אַ ליד צו דער פּאַפּירענער בריק — 84
מיינע קינדער — 86
אַ טרייסט — 88
דער ים רוישט — 90
אין וואַלד — 91
אַ ליד צו אַ פּאַפּיראָס — 92
די קליינע פוקסעלעך, שועלים קטנים — 94
אַנגסט — 95
דאָנאַ גראַציע מענדעס — 96

בראָנזוויל (פּאָעמע)

פּאָרשפּיל — 99
אַ מענטש איז אַוועק — 99
פראַגע-צייכנס — 104
שבת קומט אין בראָנזוויל — 108
שמות (שיימעס) — 112
מזל-טוב — 117
דער שטיין — 122
די לעצטע באַגעגעניש — 126

בדיחות

קנאת סופרים תרבה חכמה — 130
סינסינעטי — 133
אַ מעשה וועגן אַ קייסער מיט זעקס גענעראַלן — 136
פּאַפּאָפּירוס און די אייביקע ליבע — 138
מיין געשפּאַן — 148
אין שטאַל פון לעבן — 150
אַ וויזיט — 151
מאָרגן וועט זיין יום-טוב — 154